STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01963

IBER SHTOK UN SHTEYN

Joseph Kirman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף קירמאַן

איבער שטאָק און שטיין

(לידער און פּאָעמען)

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Jozef Kirman — „Iber Sztok un Sztejn“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

ווי די שארף פון א מעסער צום האלז,
לויפן דורך מיר מיינע רייד
און צינדן זיך אָן פאר אמאָל,
ווי בליצן אויף פינצטערע ווענט.

די וועלט אין מיין בלוט איז — נאכט.
און די שרעק אין מיין בלוט בלענדט ווייס —
צייכנט מיין האנט אין א שריפט,
פון שווארצן און ווייסן געבלענדט.

איבער שטאָק און שטיין

האַרט און רוי

האַרט און רוי מיט מײַן װילד פֿאַרװאַקסענעם געזיכֿט, װי די
דיקע שאָל פֿון אַ האַרטער נוס,
פֿאַל איך צו צו דער ערד:
דו, װאָס האָסט מיך אױפֿגעבערענגט פֿון זיך און אָפּגעגעבן
צו דער װיסטעניש — אַ קנעכֿט, —
קער מיך אום אין דער פֿאַרהױלעניש צוריק!

איך, װאָס אױף דער פֿלאַך אַרױף בין איך אױפֿגעשװוּמען —
אָפּגעריסן פֿון די טיפֿן דײַנע —
אַ בלאַט אַ גרינער
און זיך פֿאַרענדערט צו מײַן איצטיקן געשטאַלט —
קער מיך אום אין דער פֿאַרהױלעניש צוריק!

װײַל שױן זאַט, פֿאַרזעטיקט און אָנגעזאַפּט מיט אַלץ,
װאָס גײט אױף אין װידמונג איבער דיר,
האָסטו מיך אין מײַן נאַקעטקײט פֿאַר דער װילדעניש געבערענגט —
קער מיך אום אין דער פֿאַרהױלעניש צוריק!

מיינע שוועסטערן

היינט האָבן מיינע שוועסטערן זיך אויפגעכאַפּט משוגענע פון שלאָף—
צו־שווער איז זיי מסתּם געווען דער חלום פון דער וועלט.
זיצט איינע אויפן ראַנד פון בעט פאַרבראָכן מיט די הענט,
די צווייטע גראָבט ס׳קעפּל איין אין קישן אַזוי טיף,
ווי טיף עס ליגט דער צער אין מיר,
פון וואַנען ס׳רייסן ווערטער זיך,
ווי בלאַסע, קראַנקע שוועסטערן, צעשראָקענע פון שלאָף.

צו־פרי האָט היינט מיין חלום ביי דעם טויער פון דער
וואָר געקלאַפּט.
האָט אויפגעמאַכט אַ טירל זיך (פון זיך אַליין זיך אויפגעמאַכט)
און ס׳זענען מיינע שוועסטערן נאַקעטע פון בעט אַרויס,
פון קראַנקן בעט אין וועלט אַרויס.
איצט לויפן זיי משוגענע אין העלע נעכט צעשטערנטע
און יאָגן זיך פאַרצווייפלטע ביים ריזן־טויער ס׳פאַרשלאָסענע,
ס׳פאַרשלאָסענע מיט שלעסער פול—צום גרויסן, העלן וואָר.

היינט האָבן מיינע שוועסטערן זיך אויפגעכאַפּט משוגענע פון שלאָף.

ווען אויף מיין מאַמעס פּנים

ווען אויף מיין מאַמעס פּנים האָבן קישעלעך געשווילעכץ זיך
פאַרצויגן
און טיפער, טיפער האָבן אירע אויגן זיך פאַרבאָרגן אין געלעגער
פון דער גויט—
האָט דען עמיצן געצאַרט?
און ווען מיין מאַמעס קראַנקע הענט האָבן הונגעריק פאַרגעלט,
געגלעט דאָס ביינעריקע קעפּל פון מיין ברודערל, פאַרחלשט
אויף איר שויס,
און צופּיסנס איר, ביים טריט, מיין שוועסטערל, מיין
איינגעהויקערט שוועסטערל,
האָט געטוליעט זיך צו דר׳ערד, ווייל פון הונגער האָט געשווינדלט
איר אין קאָפּ—
האָט דען עמיצער געוווסט?
און אַז מיין טאַטע האָט מיט איינמאָל צוואָנציק יאָר
באַלעבאַטעשאַפט פאַרגעסן
און איז אַרויס פון שטוב, אַ פאַרהונגערטער פאַרקויפן זיך,
זיין פאַרעלטערט לייב פאַר אַ טרעגער אין דער גאַס—
האָט דען עמיצער באַדויערט?
איז איך, דער יורש פון זייער צער,
וואָגל זיך אין עלנד, וואָגל זיך אין פרעמד, זאָג קיינעם נישט פון זיך.—
באָר איך געפין דאָך נישט קיין רו אין מיין צעווייטיקטן געדאַנק,
גיי איך טעג און נעכט אַרום גאַסן אויף און אָפּ,
און קלאַמער איין געשריי, וואָס רייסט זיך טיף און מיר
און וויל צעשפּרינגען אינם קאָפּ — — — מ אַ מ ע!

אונטער גילדענע לבנות

ווען די לבנה האָט זיך אויסגעשניטן אין דער הויך, ווי אַ שטיק צעגליטע בלעך,
און זיך געטראָגן איבער קוימענס, די פאַררויכערטע—רויט געגילדעט אין די נעכט,
בין איך, אַ קינד, אויף דינע פיסעלעך געגאַנגען לויטערקייט זאַמלען אינם שטומען בליק.
מיין האַרץ—מן־הסתם אַ ניסעלע די גרייס—איז געוואַקסן אויפגעשווילן פאַר דער צייט,
און ס׳זענען מיינע אייגעלעך פאָרויס געשווומען איבער פלויטן ווייסינקע פאַרביי—
ווענס פרייד האָבן מיינע דאַרע הענטלעך אָפגענומען פון די געל־געטינקטע ווענט.
און וואָס האָב איך מיטגעטראָגן פאַר דער טונקלקייט אין יאָרן אינם ווייטן וועג?
באַטאָג איז אַ בלעכער אויפן דאַך געגאַנגען בלעכן לייטן צו פאַרדינען זיך דעם ביסן ברויט?
אין די נעכט האָבן פרויען—איינגעטוליעטע אין קראַטענע פאַטשיילעכ־הוידענדיק—געטונקלט זיך אין ראָג.
ערגיץ האָט אַ שיכור דורכגעהיפּט און לאָמערהייט פאַרגאַנגען אין אַ מויער
אָט אַזוי האָב איך, אַ קינד, לויטערקייט געזאַמלט אונטער גילדענע לבנות אין די נעכט.

אין אונזער לאַנד

אין אונזערע היימען קריכן קינדער אויף דער ערד מיט דינע
פינגערלעך פאַרבויגענע
פאַר נישט-דערלאַנגטן עסן צו דער צייט.

אין אונזערע שטובן גייט דער רויך אויף די ווענט אַרום,
מיט בלינדע טאַפּענדיקע הענט צעשיט ער אַלטע זעק
און אַלטע פאָרהאַנגען וויקלען זיך פאַרן פענצטער אינם ווינט.

אין אונזער הויז ליגט דאָס טונקעלע ברויט אויף אַ נישט-
געדעקטן טיש.
און ווען פון קיך אַראָפּ גיט מען ס'וואַרעמס פון אַ שוואַרצן טאָפּ,
שטעלן זיך די קינדער אויף די פיס מיט די העלזער צו דער
מאַמעס הענט.
הייסט זי זיי עסן מיט די הילצערנע לעפל פון דער ערד, פונם
ערדענעם געפעס.
און רעדט צו זיי מיט אַזאַ הוילן קול, מיט שוואַכע רייד פון
אַ מאַמעס האַרץ.

אין אונזער לאַנד זענען בלוי די הימלען און די זון מיט פולער
רונדיקייט אין זיי
שיקט די שפע צו דער ערד.

ביי די ברעגן פון דער נאַכט

מיר קומען—שוועלבעלעך אַנטקעגן ווינט געצויגן מיט גרינער
פלאַטערונג דורך בלויע טעג
און ווערן וואָגנעס—שוואַרץ, מיט שאַרפע פליגל—שרעק
ביי די ברעגן פון דער נאַכט.

וועסט אומקרייזן די פעלזן-בערג
און נידערן צום טאָל.
וועסט ציען איבער מדבר-ערד
און זוכן זיך דיין ברויט.
וועסט קומען איבער ים געפלייצט
און אויסברענען אין דאָרשט.
וועסט אויפרייסן—אַ בליץ געשטרייפט
זיגזאַגיק און פאַרגיין...

מיר קומען—שוועלבעלעך אַנטקעגן ווינט געצויגן מיט גרינער
פלאַטערונג דורך בלויע טעג
און ווערן וואָגנעס—שוואַרץ, מיט שאַרפע פליגל—שרעק
ביי די ברעגן פון דער נאַכט.

צו דיר און צו די שוועסטערן דיינע

I

פרוי! כ׳גיי מיט דיר דורך טונקעלע קאָרידאָרן צום אָפּענעם בעט,
ווי אַלע מיינע ברידער פון דער גאַס.
און ווי זיי, דינג איך און באַצאָל פאַר דיין נאַקעטן בויך
און פאַר די הענט, וואָס זענען מוטערלעך-ווייס
און צירלעך פאַרהויבן צום קאָפּ.

דיין מויל איז אָפן,
נאָר דיין בליק איז אָפּגעווענדט פון מיר,
און ווייל דאָס פנים מיינס צינדט זיך אָן און פאַרפינסטערט
פאַרן שיין פון פאַרהאָנגענעם ליכט, —
בלייב איך מיט דיר. ווייב!

כ׳האָב אַ מאַמע אויך, ווי דו, און ווי דו, שענד איך איר געבוירט!
קומט זי אין חלום פון דער נאַכט צו מיין געלעגער
און וויינט:
„זון מיינער, וואָס נאָך וואָלט איך דערלעבט!"
עפן איך די אויגן
און זע דיך, פרוי פון דער גאַס!
דיין פנים ציטערט אויף,

און ס׳פאַרגעלן דיינע הענט.
און דו רעדסט:
„זע, מיינע פיס זענען אָפּגעדעקט און קאַלט,
און די הענט זענען אויך שוין מער נישט מיין,
און דער קאָפּ? צו וועמען געהער די פאַרלעצונג מיינע?
און די מאַטערונג פון מיין לייב
צו וועם? — — —"

II

—ביסט נאָך יונג, ביסט נאָך פריש, ווי די רויז ווערט דיין פּנים צעבליט
און צעפלאַמט פונם פייער, וואָס בלענדט פון דיין הויט.
די מיידלשע ברוסט גייט פאָרויס דיר פאַרשייט, צו אַנטבלויזן דאָס לייב,
און יעדער קער פון דיין קאָפּ, וואָס איז יונגליש פאַרשווירן און בלאָנד,
רופט צו זיך יעדן מאַן—אין דיין ווייבלעכן שויס צו פאַרגיין.

און אויף די גאַס, פון אונטער דער הויכער פאַרטונקלטער מויער ביז צום ווייטן פאַרריסענעם ראָג,
ווו דיין טריט ווערט געהאַלטן אין שפּאַן פאַר די אַלע, וואָס מיידן דיך דורך,
ווערט בלוי און פאַרנעפּלט אין שיין פון די פענסטער, וואָס צינדן מיט פייער זיך אָן
און דיין האַנט הויבט זיך אויף מיט אַ טיכל אַ ווייס, ווי אַ פויגל צו פליען—
לייגט-אויף זיך די נאַכט און פאַרמאַכט זיך נישט מער,
ביז ס׳זילבערט דיין פּנים זיך אויס

און פאַרשווינדט
איבער די טונקעלע מויערן פון שטאָט,
און ס׳גרויען די הימלען אַראָפּ אויף מאַטן, אויף שטיינערנעם ברוק,
בלייב איך שטיין און איך קוק אין דער ווייטקייט, וואָס העלט
אַרום מיר—
ווערסט זיך נאָך אומקערן צוריק?— — —

ביסט אוודאי שוין מיד, ביסט אוודאי שוין קראַנק
און די הענט דיינע זענען פאַרטרוקנטע בלאַס,
טאָ זעץ זיך מיט מיר אויף דער שוועל דאָ פון פרעמדן
פאַרשלאָסענעם הויז
און שלאָף איין, רו אָפּ און שלאָף איין.
נישט די זון, נישט די העלע צעשטראַלונג פון טאָג,
וועט אונז אויפוועקן מער...

III

ווי דאָס וואַסער לויפט דורך די ברעגן פון פעלזיקן שטיין, גייט
דיין בליק מיר פאַרביי
און פאַרהאַלט אין מיין מענלעכן אָרעם דאָס בלוט, וואָס צעלויפט
אין מיין אָטעם,
און ס׳שווימען די גאַסן, ווי שיפן אין העלע צעצונדענע האַפנס,
פון אונטער די פיס מיר אַפּער.

כ׳וועל גרינג מיט דער לייכטקייט צו פליען איבער בערג
און טראָגן דעם קאָפּ, וואָס האָט לאַנג שוין פאַרגעסן די היים,
די שטוב, ווו מיין וויג האָט אויף פליגלען געוויגט זיך באַרוט,
דאָס הויז, ווו מיין פוס האָט דאָס ערשטע געשטעלט זיך צום גיין,
די נעכט און די ווייסע פאַרזילבערטע שויבן צום פעלד,

דער הימל, דאָס גרינינקע הייזל אַנטקעגן דעם פּלויט,
די מיל און דאָס וואַסער, וואָס האָט אין די שלוזן גערוישט,
די ביימער אין ווינט, און דער ריח פון געשניטענעם היי,
די הענט פון מיין מאַמען, וואָס האָבן מיין וויגל פאַרוויגט,
די הענט פון מיין מאַמען, וואָס האָבן געשמיסן מיט שטריק
די הענט און די פיס און מיין יונגן פאַרשולדיקטן קאָפּ.
בייטאָג האָב איך וואַסער פון ברונעם געטראָגן צום גרעט.
אין אָוונט די טויבן פאַרטריבן פון שכנישן דאַך
און גאָלדענע נעצן געצויגן פון בלאָטיקן סטאַוו.

דו, וואָס דיין פּנים איז אויך ווי מיין קינדערשער חלום פאַרביי,
בלייב שטיין, קער זיך אום,
ווי ס'קערט אום די ליבע פון מאַן צו זיין ווייב, וואָס ער האָט
אין אַ צרה פאַרלאָזט
און ברענגט די פאַרשעמטקייט אין הויז מיט אַרונטערגעלאָזענעם
קאָפּ—
בלייב שטיין פאַר מיר, פרוי!

IV

מאַך ווייך יעדן שטיין פאַר מיין מידן פאַרחלשטן קאָפּ
און שפּרייט אויף דיין געלעגער פאַר מיר.
דאָ, אויף די שטיינער פון ברוק, אויף דער האַרטקייט, וואָס
פרעסט זיך אַריין אין דער ערד,
קילט מיין אָטעם נישט אָפּ, און מיין שטערן ווערט הייס און צעגליט.—

מיין מויל — פאַרשלאָסן און נאָך פון קינדישער תאווה פאַרזויגט
רייסט זיך אויף אין מיין קול:

דו ביסט מיין ברויט און דער קוואַל, וואָס כ'וויל טרינקען צו זעט.
פון דיר קומט דער רוף דורך מיין בלוט אין די אָדערן אויף
און מאַכט זיס אין מיין גומען דעם טראַנק פון זינגלעכער פרייד.
מיין האַלז ציט זיך אויס, ווי אַ קרוג אינם דורשט צו דיין לייב —
דו ביסט מיין ברויט און דער קוואַל, וואָס כ'וויל טרינקען צו זעט!

פון דיר קומט די בלענדונג אין אָוונט אַרויס פאַר מיין בליק,
הילט און פאַרהילט אַלץ אין נעפּלען צעוויקלט פון גאָלדיקן שטויב.
דיביימער אין גאַס ווערן גרין און צעבליט
און צייטיקן—געל מיט פּירות, וואָס פאַלן אַראָפּ צו דער ערד,
דער הימל ווערט בלוי און דורכזיכטיק־העל צ:ען וואָלקן און ציען
אַריבער מיין קאָפּ.
פון דיר קומט דאָס ליכט אויף מיין פּנים ביינאַכט.
און ווען די שיין אויף מיין קישן רייסט אויף מיך פון שלאָף,
גיי איך אום שוין בייטאָג, ווי אין חלום מיט ווערטער פאַרשיכורט
און רעד:
דו ביסט מיין ברויט און דער קוואַל, וואָס כ'וויל טרינקען צו זעט!

V

צו דיר און צו די שוועסטערן דיינע די ווייסע
אויף זילבערנע שיכלעך צעוויגט
צי איך אויס מיינע הענט מיט דער ליבשאַפט פון לייב.
וואָס ברענט מיט מיין בלוט.
מיט דער פרייד, וואָס איז פול אין מיין קאָפּ און טרינקט אָן
מיינע גלידער מיט ברעניקן דורשט,
בּצאַל איך צו צו אייער טריט און פאַרגיי, ווי זידיקע שטראָמען
צום שטיינערנעם ברעג,

אָן די ווענט,
אָן די העלע און בלענדיקע ווענט, ווו מיין שיכורער קאָפּ
שלאָגט זיך אָן

און פילט אויפן שטערן די האַרטקייט פון מויער און פון שטיין.
און מיין פּנים פאַרציט דער טונקעלער אומבליק פון נאַכט
און פון הייזער, ווי בערג אין פאַרהוילענער ווייט,
און זע אייך אַלע, ווי איינע, מיט טילער אויף שמאָלינקע
אַקסלען פאַרנומען

אַנטקעגן גיין מיר, —
פאַל איך נאָך אַמאָל צו צו דער ערד און פאַרגיי אין מיין קול:
ווו איז אייער חלום? און ווו איז מיין וואָר?
און ווו גייט די בלענדונג, וואָס קומט און פאַרשווינדט פאַרן בליק?
גייט די ערשטע אַרויס:
„קום צו מיר, קום באַשלאָפן מיין לייב,
קום צו מיר, צו דער ווייכקייט פון בעט!“
קער איך אָפּ מיין געזיכט צו באַהאַלטן מיין ברעניקן בליק.
גייט די צווייטע אַרויס
שוואַרץ, ווי אַ קראָ, מיט איין האַנט פאַרהויבן אַרויף,
ווי אַ פליגל אין פלאַטערן פליט

און ענטפערט איר אָפּ:
„לאָז צורו, ער איז מאַט, ער איז קאַלט,
ער האָט דאָס געלט שוין פאַרפּאַסט!“
גייט די דריטע אַרויס
(קליין, ווי אַ קינד נאָך די גרויס)
און בלייבט שטיין פאַר מיין טריט און וויינט.
קומט איר קול צו מיין אויער, ווי דאָס קול פון אַן
ערדענעם טאָפּ —

הויל פונם אָפענעם ברונ...

VI

דו, וואָס דיין היים איז די גאַס און דיין ברויט איז דאָס געלט,
וואָס דו זאַמלסט אין זאָק,
הויב העכער דאָס קלייד, און באַווייז די קרימלעך־
פאַרבויגענע קניען...
די נאַקעטקייט דיינע איז פון דיר נאָך פאַרדעקט,
טאָ וואָס ווייסט און קאָן ווייסן די פרוי אין איר וואַרעם.
פאַרזעענעם הויז,
וואָס דו, אַזאַ קינד, טראָגסט איבער אין יונגן פאַרפייניקטן גוף?

די נעכט קומען אָן אין ווינטער־צייט פרי —
גייט אַרויס זיך אַ מיידל מיט אַ ווייסן פאַרוואָרפענעק שאַל
אויפן האַלז
און רופט און פאַררופט...
קומען מענער און גיין, (ווי געוויינלעך דער גאַנג גייט פון אָוונט
ביז שפּעט)
איינער קערט אָפּ
און אַ צווייטער גייט מיט,
אַ דריטער קערט אום דאָס פּנים און קוקט.
ווי צום מנין מען פאַררופט אין אַ הויז נאָך אַ מת,
גייען אַלע אַריין,
און די, וואָס בלייבן שטיין פאַר דער שוועל,
וואַרטן אויס אין דער ריי...

ס'איז דאָס אומגליק, וואָס גייט איבער דער אָרעמקייט אויף
און נעמט מיט פון די שטילינקע היימען די קינדער מיט זיך,
טרעפט אַמאָל אַזאַ קינד, וואָס איז יונג, ווי אַ בוימל צעבליט,
און ברענגט עס אין הויז צו פאַרוועלקן אין פאַרשיכורטע נעכט.

VII

ניין! נישט צו דיר וועל איך קומען, ווי אַ מאַן קומט אין
הויז צו זיין פרוי

און פּילט אויפן פּנים די ליבשאַפט פון ווייב
און דעם ריח פון וואַרעמער היים.
דיין טיר שטייט אָפן פאַר יעדן פון גאַס,
און יעדער מאַן, וואָס באַגערט נאָר אין גליסטונג צו ווייב,
קען קומען און קומט אין דיין אָפענעם הויז.

ווייל ווער איז דיין מאַן, און ווער איז עס נישט?
און ווער האָט נישט רעכט אויפן העמד פון דיין לייב?
אַלע, סיי יונג און סיי אַלט, טרעטן מיט שטיוול אַריין
אין דיין בעט.
נאָר פּלוצלינג דערפילן זיי צאַרטקייט אין זיך דורך די גראָבע
פאַרהאָרוועטע הענט
און ציען דאָס אייגענע מלבוש אַריבער דעם קאָפּ צו
פאַרדעקן די שאַנד...

די מענטשלעכע שפּראַך איז נישט גראָב און נאָך איידל גענוג
צו דערציילן דעם צער פון אַן אומגליקלעך האַרץ...
דיין האַלז, וואָס איז ווייס און ציט אויס זיך צום טויט,
ווי דער האַלז פון אַ גוסס שוואַן —
שרייט:
„איך בין דאָס טייג, דאָס צעיוירענע פלייש, און פאַרטויש פאַרן לייב
פון קראַנקע מעוברתע ווייבער,
וואָס לאָזן די מאַנען צו זיך מער נישט צו!

צו מיר קומען מענער, וואָס טראָגן דעם צער נאָך אין זיך
פון יונגע פאַרשטאָרבענע פרויען,
און ברענגען זייער נאָמען אויף די ליפּן פאַר מיר...
און די יונגען, וואָס קומען צו מיר, האָבן פאַרשיכורטע
בייזקייט אין מויל
און ברענען מיין הויט!"

איך צעטויש מיינע שעהן אויף טריט אין די גאַסן

איך צעטויש מיינע שעהן אויף טריט אין די גאַסן,
בעהעפט זיך מיט שטויב פון די שטיינער מיין אומרו
און פאַלט ווו אין נעפל פון פאַרדאגהטע דורלגייער,
וואָס קומען אין ראַשיקער שטאָט מיר אַנטקייגן
אויף גאַסן צעהויקערט פון לאַסטיקע וועגן —
איך צעטויש מיינע שעהן אויף טריט אין די גאַסן.

נישט איינע פון מיינע יונג-פריידיקע שעהן
האָב איך זיך אַליין פאַר די פיס שוין געוואָרפן
אַריבערצושפרייזן אין דורשטיקן לויף
פון פאַרנאַכטיקן אָפרו, —
נישט איינע פון מיינע יינג-פריידיקע שעהן.

ווייל טעג מיינע העלע, ווי צייטיקע עפל,
האָב איך אין פאַרדומפיקע קעלערס צעשאָטן,
איז וואָס מיר פאַרבליבן אין פאַרנאַכטיקן אָפרו,
אויב נישט קלאַמערן פעסטער די פויסטן, ווי שטיינער
און טוישן די שעהן אויף טריט אין די גאַסן —
טעג מיינע העלע, ווי צייטיקע עפל.

איך גיי

מיין טריט — דער הילך, וואָס קלאַפּט אין האַרץ ביי מיר,
מיין האַנט — אַ פּוסט
פון מיין געדאַנק פאַרקלעמט.
לייג איך זי — אַ האַמער אויף מיין האַרץ
און זאָג: שטיי! —
דער טאָג איז גרויס
און וועגן זענען פיל פאַראַן!
באַר מיין בליק געשליפן אויף די קאַנטן פון דער שטאָט,
פירט מיך,
ווי אַן אייניקל אַ זיידן פאַר דער האַנט.
גיי איך בלינד...
מיך שרעקט די נאַכט, וואָס פאַלט אַצינד אויף העלן טאָג.

הירשן פֿון יעגער געיאָגט

הירשן פון יעגער געיאָגט — אימפעט פון מיין האַרץ.
אַ וואַלד — מיין געדאַנק.
שטאַמען פון טויזנטער יאָרן געפלאַנצט
רוקן זיך נענטער צוזאַמען אין שאָטן;
צווייגן אין צווייגן זיך פלעכטן געדיכט
און טונקלען די וועגן —
לויפיקע הירשן, וואָס קומען געפלויגן.

צעשראָקענע הירשן, ווו איז אייער אויסוועג?
צעשראָקענע הירשן, ווו איז אייער צריקוועג?

שוין ציט זיך אַ רויטינקער שנור אין דער ווייטקייט:
אַ הירש איז געפענטעט געוווּנדיקט אין לויפן,
בורשטינענע אויגן שטוינען צום הימל.
הירשן — מיין אימפעט, אַ וואַלד — מיין געדאַנק.

אונטערגעשניטענע בוימער אין וואַלד.

אונטערגעשניטענע בוימער אין וואַלד,
ווי זעלנער אויף אָפּרו פון וועגן פאַרמאַטערט,
ליגן די שטאַמען מיט רונדיקע רוקנס,
ברוין-הויטיקע לייבער אין קרייציקע הויפנס
אויף ברוסט פון דער ערד.
אונטערגעשניטענע בוימער אין וואַלד —

און פנימער ווייסע פון איבערגעבליבענע פּיענעס אין מאָך
שרייען אָן אָטעם, פאַרשטיקטע,
ווי מענטשן וואָס טרינקען אין אָפּגרונט פון טייכן
און רופן דעם לעצטן געשריי אין דער וועלט:
ראַטעוועט, מיר זענען פאַרפאַלן!
אַזוי רופן און מאָנען די אונטערגעשניטענע טעג פון מיין לעבן
אַן אויסלייז פאַר זיך, אין וואַלד פון מיין זינען...

ווי שטאַמען וועל איך די טעג מיינע בינדן,
באַהעפטן אין טראַטוועס
און לאָזן זיי שווימען אויף טייכן — מיין אומרו —
צו ברעגן, וואָס ליגן אין נעפּלען פאַרהוילן...
אונטערגעשניטענע בוימער אין וואַלד.

מיין הארץ—אַ פעלד צעאַקערט פון געדאַנק

מיין האַרץ — אַ פעלד צעאַקערט פון געדאַנק —
ליג איך אונטער שניי פאַרדעקט
און שווייג.
אויף מיין נאַקעט לייב שפרייזט דער ווינט
און שרייט: שלאָפסט?
וועק איך זיך אין חלום און איך זאָג:
אויף מיר טורעמט זיך אַ באַרג —
גאַרבן אויסגעדראָשענע — מיינע טעג,
קערנער האָט דער ווינט פאַרשלעפּט,
טורעמט זיך אַ סטויג — טרוקן שטרוי.
אויפן שפּיץ, סאַמע אינדערהויך,
זיצט אַ קינד פאַרבראָכן מיט די הענט
און שאָקלט מיטן קאָפּ:
גאַרבן אויסגעדראָשענע — מיינע טעג.

אויף ערד פֿאַרנומענער מיט מאָך

אויף ערד פֿאַרנומענער מיט מאָך
קום איך שעפּן שײַן פֿון טײַכלעך זומפּיקע
און גאַרשטש פֿון האַנט דער ערשטן טרוגק,
ערשטע קוועלונג אינם רויען לײַם,
וואָס לעכצט אין גומען — דורשט!

אין בלענדעניש פֿון זון שווימט פֿאַרטרונקען אום מײַן בליק
נאָר מײַן צונג—געלײַמט, אַ פֿאַרוואַקסענע אין קעל—שטומט.

רײַס אויף מײַן וואָרט!
כ'שטעל אין גאַנג דעם ערשטן טריט,
מײַן ערשטע פֿרייד געגענען וויל דער וועלט!...

איך — אַן אויסגעגראָבן שטיק פון ערד

איך — אַן אויסגעגראָבן שטיק פון ערד,
אין גלידער-פאָרם צונויפגעשטעלט —
לויף אין כישוף-קרייז
אַרום דעם שורש פון מיין איך
און זוך אַ תיקון —
פאַרן צעפאַלן פון מיין גוף.
איך — אַן אויסגעגראָבן שטיק פון ערד!

מיין הויט — אַ ווייסער פראָסט אויף שוואַרצער ערד,
מיין לייב — טראָגט בליונג אונטער זיך
אין גרונט פון האַרץ.
אין אינגעווייד, אין טראַכט פון ערד,
דרימלען קערנער פון פאַר דורות נאָך
אין חלום פון פאַרגאַנגענע...
און יעדעס קערנדל זוכט אַ תיקון זיך,
שניידט די גרונטן דורך
צו דעם שפּראָצונגס-וועג פון דער ערד אַרויס...
מיין הויט — אַ ווייסער פראָסט אויף שוואַרצער ערד,
מיין לייב — טראָגט בליונג אונטער זיך
אין גרונט פון האַרץ.

אין דעם אור־וואַלד פֿון די שטאַמען

גיי איך פון מיין האַרץ פאַרבלאָנדזשעט
אויף דעם נאַקן פון דער ערד,
קומט מיין בליק אַ וואַלד אַנטקייגן.
הויכע דעמבעס — מיינע זיידעס,
זאָג איך איינעם פון די שטאַמען:
כ׳בין פאַר הונדערט-טויזנט יאָר
טיף אין גרונט פון ערד געלעגן
און געזויגן אַלע וואָרצלען פון פאַר דיין שפּראָצונג,
טראָג איך היינט אין מיינע גלידער
דיינע כּוחות — שטאַם, מיין פאָטער.

און אַ צווייטן זאָג איך ווייטער:
כ׳וואָלט שוין לאַנג אַהערגעטראָפן
נאָר דער וועג איז פול געוועזן
אָנגעוואָרפן מיט די שטיינער —
האָב איך אַלץ אָן סוף געבלאָנדזשעט
צו דעם אור-וואַלד פון מיין שורש.

און אַ דריטן זאָג איך גאָרנישט.
כ׳קריך אויף אים מיין ייִנגן נאָמען,
אויף דער גרויער הויט — מיין אור-לייב.

זאָל מיין קינד אין דורות ווייטע
מיך אין אַזאַ שטאַם דערקענען — —

אַזוי גיי איך טיפער, טיפער
אין דעם אור-וואַלד פון די שטאַמען,
ביז כ׳וועל טרינקען פונם ברונען
קוואַלונגס-ווונדער פון פאַר מיין אויפגאַנג.

כ׳גראָב טיפֿער מײַן אַקער

כ׳גראָב טיפער מײַן אַקער מיט שאַרפקייט אין דר׳ערד,
געשפּאַנט ביי די הערנער פון אָקסן צוויי ווילדע.

די ערד איז פאַרוואָרלאָזט, אַ סטעפּ מײַן מדינה,
פאַרפלאָכטן ליגט אײנער אין צווייטן די וואָרצלען
פון דערנער געוויקסן,
אין טיף ליגן קערנער אין גרונטן דערשטיקטע —
טאָ ווער זאָל זיי ברענגען דער זון-שײַן אַנטקעגן?

כ׳גראָב טיפער מײַן אַקער מיט שאַרפקייט אין דר׳ערד!

און ס׳שניידן זיך פּאַסן פון ערד-פלאַך דערהויבן
מיט וואָרצלען צעפוילטע פון ווילדע געוויקסן
און ווערעמלעך קליינע פון די וואָרצלען דערנערט
קריכן זיך בלישטשיק אַפער פון דער ערד.
כ׳גראָב טיפער מײַן אַקער מיט שאַרפקייט אין דר׳ערד!

אַ סטעפּ ליגט מײַן נחלה, פון קיינעם באַטרעטן,
פאַר קיינעם באַמערקבאַר, אומצייליקער ווייטקייט
ציט זיך און ציט זיך מײַן סטעפּישע נחלה—
טאָ ווער זאָל זיי רייסן, די וואָרצלען די ווילדע,
ווען טיף ליגן קערנער אין גרונטן דערשטיקטע?

כ׳גראָב טיפער מײַן אַקער מיט שאַרפקייט אין דר׳ערד
געשפּאַנט ביי די הערנער פון אָקסן צוויי ווילדע.

צוואָרפּענע שטיינער מײנע געדאַנקען

צוואָרפענע שטיינער — מיינע געדאַנקען —
ווער וועט זיי קלייבן?

ס'וועט אַרויסגיין אַוודאי אַ פישער פון כאַטע.
זיך לאָזן אין וויסטקייט קלייבן די שטיינער,
לייגן אַ שטיין אויף אַ שטיין ביי זיין הייזל,
מאַכן אַ וואַנט — אַ שוץ קייגן שטורעם,
וואָס רייסט זיך אַמאָל פאַרצאָרנט פון ים.
און איינער וועט אפשר די שטיינער פאַרזאַמלען,
לייגן אַ וועג צום זומפיקן טאָל,
וואו ער וויל דאָרט וואוינען אין שאָטן פון בערג.
אָדער איינער וועט גאָר די קלענערע קלייבן,
וואַרפן אויף בלאָנדזשענדע דורכגייער אין וועג
און איינעם פון זיי — מיר טרעפן אין קאָפ?

צוואָרפענע שטיינער — מיינע געדאַנקען —
ווער וועט זיי קלייבן?

ווער האָט פֿון היים מיך אויסגעריסן

ווער האָט פון היים מיך אויסגעריסן,
א'ן רעגן-נאַכט פון שטאָט געטריבן
צום בלינדן וואַלד?

דער ווינט — דער אַסטמאַ-ווינט
זאָל באַשפייען מיך
מיט שטיקער פלעגמע פון די לונגען — כמאַרעס זיינע,
איך זאָל לויפן דורך דער שטאָט
מיט אויסגעשפרייטע הענט,
און רייסן שטיקער צייג פון מיין דורכגענעצטן לייב,
און אויסשרייען דעם צער, דעם טיפן צער,
וואָס וויל צעשפּרינגען אינם קאָפּ
אויף שטיקער אין דער שטומער נאַכט!

ווער האָט פון היים מיך אויסגעריסן?
מיך צום בלינדן וואַלד געטריבן,
ווו אין פינצטערניש פאַרשטעקט
שטייט יעדער דעמב — ריזיק-שטאַרק,
און קזשאַקעס — קליין באַוואָקסענע מיט מאָך
צוימען מיר דעם טריט
און פלאָנטערן אין בלינדקייט מיך פון וואַלד —

ווער האָט פון היים מיך אויסגעריסן?
מיך אין בלינדעניש פאַרשלעפט
איך זאָל וואַרפן זיך אין דר'ערד
מיט אויסגעקרומטע פינגער פון די הענט,
איינזויגן ס'פוילע ביטערניש פון זומפן־נעץ
ביים אַלטן שטאַם פון וואַלד? — —

ווער האָט פון היים מיך אויסגעריסן?

א טרעגער בין איך

אַ טרעגער בין איך,
פאַרוואָרפן די שטריק אויפן נאַקן
גיי איך די לאַסטן אַנטקעגן,
וואָס ליגן מיט נאַכט ווי פאַרשלאָסן
ערגיץ אין שפּייכלערס באַהאַלטן
און וואַרטן אויף מיינע געהאַרטעטע גלידער,
אַז איך, אַ טרעגער —
זאָל צו אַ תּיקון זיי ברענגען
אין מאָרגיקן טאָג.

אוצרות ליגן זיי דאָרטן.
זענען די שפּייכלערס מיט שלעסער באַהוטען,
די שלעסער מיט זשאַווער פאַרנומען,
קען איך צו זיי דאָרט נישט קומען.
גיי איך מיט ליידיקע אָרעמס
אַרום אין דער רעשיקער שטאָט.
כ'וויל ווען די לאַסטן אָפּנעמען,
טראָגט יעדן דער אימפּעט אַוועק,
טראָגט יעדער מיט זיך נאָר אַוועק
זיין אייגענע לאַסט.
בלייב איך מיט ליידיקע אָרעמס
פאַרבליבט אין דער שטויביקער לופט —
די שטריק אויפן נאַקן פאַרוואָרפן.

שטאָט

שטאָט! — אַן אויפגעריסן מויל
מיט אויסגעקרימטע ציין — אַ וואַלפיש
אין דער מיט פון אויפגעבּרויזטן ים.

איך — אַ בּלעזל שוים אין שטורעמס שויס
פון שטורעמס האַרץ, דורך אָטעם-צוג,
קום איך פינקלענדיק אויף אויבערפלאַך,
אין שפּליטערדיקן טעמפּן פאַל
פון יעדער כוואַליע-רויש
גיי איך איין
און קום ווידער אויף.

שטאָט — אַן אויפגעריסן מויל
מיט אויסגעקרימטע ציין — אַ וואַלפיש
אין דער מיט פוז אויפגעבּרויזטן ים.

אויטאָפּאָרטרעט

איר קענט מיך דערקענען באַנאַכט אויף פאַרטונקלטע גאַסן,
מיין פּלאַשטש איז פאַנאַנדערגעריסן צום לויפן,
מיין הוט — איז צעלעכערט (פון מילבן צעפרעסן.)
אויגן — צוויי פויסטן, געשטירצט אין דער ווייטקייט,
מיין מויל איז פאַרקרימט — פאַרשוימט פונם אימפעט,
איך האַלט דאַן אַ שמועס מיט די אייגענע פינגער
מיין הויך איז אַן ערך אַ מעטער מיט זעכציק
און אפשר גאָר פעלט מיר צוואַנציק צו צוויי?
איך ווייס נישט גענוי —
איר קענט מיך דערקענען באַנאַכט אויף פאַרטונקעלטע גאַסן.

ווער איך בין?
אַ מענטש, וואָס האָט דעם אויסוועג פאַרלוירן,
פאַריתומט געוואָרן ביים אייגענעם ווילן —
אַ שפּאָן אויפן ים ביי געטריבענע וועלן,
וואָס וואַרט ביז דער ים וועט אים וואַרפן
צום ברעג...

כ'בין דער שליידער־שטויס אין דיר — שטאָט

כ'בין דער שליידער-שטויס אין דיר — שטאָט,
געטראָגן פון דיין אָרעם — ראַש לויפן מיינע פיס
אויף פלאַכן־גרונט צווישן שטיינער און בעטאָן.

אין שנירן־שלייף פון רעלסן — שטאָלערנער געפלעכט
בין איך אַריינגעפאַלן אין ווימלענדיקן נעץ
פון דיין תהום.

איצט פלייצן אויטאָס פלינק פאַרביי מיין אָפּגעצוימטן טריט
און ווירבלען שטויביק אויף מיין איינגעטויבט געשריי:
וווהין פאַרטראָג איך זיך?
און מיט וועלכן עלעקטרישן דראָט לויף איך מיט?

גאַסן ציען זיך לענג אויס פאַרביי,
אַרויף, אַראָפּ.
מיט מענטשן־מענגעס — אָנגעיאָגט אין לויף.
איך שטויס אין גאַנג זיי אָן
און מייד זיי שפּרינגענדיק פאַרביי.
גאַסן יאָגן זיך, צעפליען זיך און פאַררינגלען מיך אין ראָד,
איך שפּרינג אין ווירבלעניש און דריי מיט אַלץ זיך מיט
ביז כ'זע פון אַלץ נישט מער,

ווי קנוילן-זילבער-רויך פליען פאר מיין אויג
אין אויפגעשטיגענעם טומאַן

— — — — — — — — —

נאר אונטן טיף ביי סאמע דר׳ערד קאָכט זיך אינם גרונט
און ס׳שטייגט פון שטויב ארויס אַ שטיינער-מאָנומענט
מיט אויפגעוויגטע הענט —

איך, דער שליידער-שטויס אין דיר, שטאָט!

מיט פאַרקלעמטע פינגער פון מיין האַנט

מיט פאַרקלעמטע פינגער פון מיין האַנט
פאַרזיגל איך די ליפּן —
שווייג!
שטאָל וויל שפּרינגען פון די ציין.
איינגעפּרעסטער צער צענומען האָט
די ווענטלעך פון מיין האַרץ
און שטיקט צום האַלז.
ווילן מיינע אויגן —
אומגעקערטע אַפּלען צוויי, פאַרלאָפענע מיט בלוט —
פויסטן זיך דער וועלט באַווייזן —
וואַרט!
אין האַרטן טראָט פון מיינע פיס האָט פייער זיך דערוועקט!

חבר

חבר ! —
רוף איך צו יעדן פאַרחושכטן ברודער,
וואָס קומט מיר אַנטקעגן אויף שטויביקע גאַסן
פון הינטער דער שטאָט.

די ערד האָט די לאַסטן פון זיך אויסגעלאָדן
אין אונזערע גלידער.
מיר זענען זיך ברידער,
מיר האָבן זיך קליינינקע קינדער פאַרלוירן —
לאָמיר זיך גרויסע געפינען.
שטיין איז די פויסט ביי יעדן פון אייך,
ביי מיר בליצט שטאָל אין די אויגן !

חבר ! — רוף איך צו יעדן פאַרחושכטן ברודער,
וואָס קומט מיר אַנטקעגן אויף שטויביקע גאַסן
פון הינטער דער שטאָט.

מיינע הענט

מיינע הענט — בריקן פון געדאַנק — אויסגעלייגט אויף טייכן ברייט־
טראָגן לאַסטן פון דער וועלט!

מיט אייזערנעם געראַל פון רעדער־טריט פירט מיין האַנט די
לאַדונגען פון שוואַרצן שטיין —
און אין מאָרגן־רוף ביי רויטע אויפגעטורעמטע סירענעס
זאַמלען מיינע ברידער זיך צו נידערן אין קוילן־שאַכט,
וועקן אויף דאָס ליכט, וואָס זון פאַרגעסן האָט צו נעמען אין רשות,
ברעכן אויף פון גרונט די שוואַרצע שטיקער שטיין — ס׳שוואַרצע
בלוט פון דר׳ערד
פאַר בליציקן געלויף דורך אַלע דיינע אָדערן פון שטאַל — וועלט!

מיין קאָפּ געגראָבן כ׳האָב אין חושך פון דער ערד —
ברעכט ער אויף די קראַפט פאַר מיין צעוואַקסן האַרץ,
זינגט אַריין מיין בלוט אין גליווער־שטיין פון דיין געשטאַלט!
און ס׳פירן מיינע הענט די לאַדונגען פון שוואַרצן שטיין
פאַר פרוכטבאַרקייט צו אונז
ווייל די ערד איבערענטפערט האָט צו ווייטיקן אין בלוט
די געבורטן־לאַסט צו אונז, —
מיך, אַן עלנט קינד באַלד קליינערהייט פון ברוסט אַנטוויינט,
ברענג איך איצטער גאַנצע פעלדער ברויט צו זיך אין גוף
און קען נישט זעטיקן מיין לייב.

מיינע הענט — בריקן פון געדאַנק — אויסגעלייגט אויף טייכן ברייט־
טראָגן לאַסטן פון דער וועלט!

מיר

מ׳ר — אייזערנע רעלסן אויף דעמבענע באַלקנס
אויף אונזערע רוקנס ראָלט דורך זיך די באַן, באַלאָדן מיט
פּראַכט —
צייט.

אויף אונזערע הענט, די געשטאַרקטע פון האַמערס,
רוען קערפּערס אַ סך:
די קעפּ פון צעהוליעטע אײדעלע לייט.

נאָר מיר —
מיר שווייגן מיט שטאָלענער שאַרף אין די ציין;
מיר, וואָס אין אונזער דערהויבענער האַנט ליגט דער כּוח,
צו וואַרפן דעם ריזיקן באַל — אונזער ערד —
אינם אָדערן-נעץ — געאייניקטער ווילן —
הוידען אַ גליאיקע פונק אין דער נאַכט
צום האַרץ פון דער וועלט...

ניין:
מיט אונזערע בליקן ציִען מיר דראָט
איבער פלאַך פון דער ערד
און ריזלען אין בלוט פון יעדן אַריין —
איינס:
פאַרוואַרפן די הענט איבער רעדער פון צוג:
שטיי!

עס שטיינערט זיך מיין לייב

שטאָט,
עס שטיינערט זיך מיין לייב אין דיין געשטאַלט,
פון דיינע מויערן אָטעמט קאַלט
מיין שווער פאַרלעבטער טאָג.

רויטע העלזער — דיינע קוימענס —
שרייען הייזעריק מיט שלאַנגען רויך,
בלייערט זיך דער אויסגעהוילטער רוים,
און אונטן טיף, ביי דיר אין תהום,
שוין קרייצט זיך שוואַרץ די נאַכט.
דאָרט שפּאַנען מיינע ברידער פון פאַבריק אַהיים,
יעדערער אַליין — אַ שטיק צעבראָכענער ליים
איינצוקנעטן זיך אין דיין געשטאַלט.

שטאָט, פון דיינע מויערן אָטעמט קאַלט
מיין שווער פאַרלעבטער טאָג.

אונזער ירושה

שטיינערנע מויערן — אונזער ירושה —
פון וועמען געירשנט, פאַר וועמען פאַרבליבן?
פאַרשלאָסענע לעבנס אין שטיינערנעם גליווער,
געפּאָרעמט פון ציגל, דורך צעמענט באַהאָפטן,
פאַרפעסטיקט, פאַרהאַרטעט, פאַרשטיינערטער אָטעם
אַ קנויל פונם לעבן.
פון וועמען געירשנט, פאַר וועמען פאַרבליבן?

מיר שפּאַנען אויף פלאַכן פון פיס-טריט פאַרשליפן אין שטאָטישן טומל
פון שטויביקע גאַסן
פון וועמען געפלאַסטערט, פאַר וועמען פאַרבליבן?
מיר שפּאַנען, מיר שפּאַנען דורך טעג און דורך יאָרן,
מיר ווערן פאַרלוירען און ווידער געבוירן,
אונזער ירושה — שטיינערנע מויערן.

כ'בין אַלץ נאָך ס'רויע ליים

כ'בין אַלץ נאָך ס'רויע ליים
פאַר קנעטנדיקע פינגער
פון אַ פרעמדער האַנט געגרייט.

ס'קען אַלץ נאָך קומען ווער
פאָרמען מיין געשטאַלט
אין אָפּבילדונג פון זיך.
אויפּאָטעמען אין מיר
ס'געשריי פון אייגן לייב,
איך זאָל לאָזן מיינע פיס
אין וועג פון פרעמדן ווילן
און טוען מעשים — בלינד,
פון נישט מיין האַנט געפירט,
פון נישט מיין אויג באַהיט.
אין עכאָ פון אַ ווייט־פאַרקלונגען קול
זאָל איך נאָך אומגיין ווו
מיט האַסטיקייט אין טריט
און אַלץ נישט וויסן נאָך,
אַז כ'בין אַהערגעשיקט
פון עמיץ־אַנדערש ווען
דאָ בלאָנדזשען אויף דער ערד.

כ'בין אַלץ נאָך ס'רויע ליים
פאַר קנעטנדיקע פינגער
פון אַ פרעמדער האַנט געגרייט.

ג ו י ם

I

זונטיק

גוים גייען אָנגעטון אין בלאָע היטעלעך און געלע שיך,
און פּאָרנט אויף דער ווייסער ווערסט גילדעט זיך ביי זיי אַ קייט —
די בלינדע טרייסט פאַר שווערע מי.

שיקסלעך קליינע, וואָס שפּרינגען אין די יאָרן פונם ערשטן צענדליק,
פלינק און הויך
גייען ווייס באַהאָנגען, מיט קרענצן — בלימעלעך אַרומגעצירט
דעם קאָפּ —,
און שטיל פאַר דער דורכזיכטיקייט פון טול קוקן בלאָ די אויגן
מיט תמימותדיקער ריינקייט אין אַ תפילה צו דעם הייליקן
און לויטערן,
און קניען צו דער ערד.

אַז ס׳קלינגען-אויס די גלאָקן פון די קלויסטערס
און טראָגן-אויף דעם קלאַנג פון קופּער צו די הימלען רויט,
שטראָמען צריק די גוים אין גייענדיקן שטראָם פון פאַרביקן געוואַנד
צו די שמאָלע געסלעך פון דער שטאָט.
און דאָ פאַר די פאַרקנס, אויסגעקרומט, האַלב איינגעבויגן צו
דער ערד
טיילן זיך שוין פינף שקצים מיטן טרונק פון אַ קליינער „סעטקע"
מיט אַן אָפּגעבראָכן העלזל

יעדערן אַ שלונג, יעדערן אַ שלונג,
און ס'ווערן שמעלער די געסלעך פאַר די דורכלייגער פון אונז...

ביינאַכט שלאָף איך איין אונטערן טאַקט פון טופּענדיקע פיס,
וואָס דרייען זיך אין ווירבלעניש צעשאָטן איבער מיר
דורך אַלע ווענט.
קלעזמער פירן פריילעכע מאַזורקעס אינם טאַנץ,
און ס'ציען זיך די טענער פון מידע קאַטערינקעס אין דער לופט,
הייזעריק, ווי רעדער מעשענע אין שווער געשפּאַן.
פון ערגעץ שרייען מיט די דינע סטרונעס,
ציטריק אַפּערגעריסן פון אַ ווייטער מאַנדאָלין,
און פאַלן זיך צונויף מיט שיקסישע קוויטשן פון יונג און
לײדנשאַפטלעך לייב — —
ס'איז זונטיק היינט אין שטאָט, זונטיק אין דער שטאָט.

II

די פּראָצעסיע

מאָרגן גייט מען ווידער מיט פּענער און מיט בילדער הייליקע,
אויסגעמאָלט מאַדאָנעס אויף געוועב,
וואָס וויגן זיך צעהאָנגענע אויף שנירן און אויף שטאַנגען —
גאָלד צעוויגט,
ס׳פּלאַטערן געוועגדער פאַרביקע, ווי שלייערן צעוואָרפן, פאַרהילט,
פאַרפּוצט
פון פלערליי קאָליר.
און מיידלעך, ווייסע, אויסגעצערט אין יאָך, טראָגן א י ם אַליין
געקרייציקט אויף די הענט —
פאַרמאַכן זיך די קראָמען דאָ און פאַרשליסן זיך מיט קונים
דערשראָקענע
אין פינצטערניש פון קראָם פאַרמאַכט...
און קולות קומען — ווייטע, וויינענדיק געצויגן אין געבעט:

„הייליקער, דיינע וווּנדן טריפן נאָך אייביק נישט פאַרהיילט,
פאַר אונזער פּיין.
אין אונזער לעבן האָט דער גורל אונז געררודפטע, געפּייניקטע,
פאַרשעמט.
גיב אונז רעגן, גיב אונז פרוכטבאַרקייט פון דיין גענאָד פאַר
אונזער ברויט,

ווייל דער שווייס פון אונזער מי . עמט טריקענען, און אויפגיין
וועלן זאַנגען לער!
הייליקער, דו, וואָס דיינע הימלען גיבן טוי און רעגן צו דער ערד,
גיב דערלייטערונג צו אינז, גיב דאָס קול פון דונערן און בליץ
צום פעלד,
אַז גערעטעניש זאָל זיין און זיס דער טעם פון פרוכט
מיט זאַפט אין מויל;
די שפע פון דיין האַנט זאָל נידערן אויף אונז און פול מאַכן
די שייערן צו זאַט.
הייליקער, דיינע וווּנדן טריפן נאָך, אייביק נישט פאַרהיילט
פאַר אונזער פיין!"

נאָר ס'ברעכן זיך די קולות פון געבעט מיט אַ קלימפּערײַ פון
שטעקלעך, וואָס צימבלען אויף אַ פויק.
און טויבן-איין די טריט מיט דונערן פון קלעפּ;
די זון שטייט נידריק און מאַט, און איילט זיך איבער דעכלעך
אַראָפּ צו גיין אין תהום.
און טונקלקייט נעמט פאַלן פון אַלע ווענט.
די לעצטע ציען דורך און בלעקעצן פאַרהלשטע מיט אָפּגעהאַקטע
ווערטער אין דער שטים:
„הייליקער, דיינע וווּנדן טריפן נאָך, אייביק נישט פאַרהיילט,
פאַר אונזער פיין!"

II.

אין שענק

שוסטערס, בעדנערס און רימאַרעס טרינקען ביר אין שענק,
און מיט זיי צום טיש זעצט זיך צו אַן אַלטער זדון —
זיי ווילן מיט די מולאַרעס נישט חברן זיך באַנאַנד.
די דראָשקאַזשעס, אין בלאָען אָנגעפּעלצט, זיצן נאָענט צום טיר
און ציען רויטע, אויפגעבלאָזענע הענט איבער פּייכטע וואָנצעס
און ברענגען שווער אַרויס כאָרכלענדיקע רייד,
די נומערן אויף די רוקנס זייערע הענגען באָמבלענדיקע, שיף,
און קוקן אַלע ווײַלע צו דער גאַס.

גויעס, מיט איבערגעצויגענע טיכער אַרום די שמאָלע אַקסלען,
קומען אויך אַהער אַרײַנצושטעקן די קעפּ,
די אויגן אין די אויסגעבלייכטע פּנימער פון אויסצערונג דורך לאַנגע טעג
זוכן דאָ פאַרלוירענע, אין דער טונקלקייט פון פול-געפּאַקטן שענק:
אפשר וועלן זיי אָפּגעפינען די מענער זייערע,
וואָס קומען זיך נישט אויסרוען צו די געלעגערן אַהיים.
און איינע וועט אַ מאַן אויף וואַקלענדיקע פיס פירן פאַר דער האַנט,
ווי מען פירט אַ קינד.

און אַ פאַרווייינטע רעדן שטיל פאַר זיך:
„יאַשו מוי, יאַשו מוי!"

די מאַמעס האָבן איינגאַנצן נישט קיין שליטה איבער יונגע זין,
וואָס זענען גאַרבאַרעס און שיכּורן אין שענק נאַכט-ביינאַכט,
נאַכט-ביינאַכט.
דער ריח פון די קליידער זייערע שלאָגט מיט דער דעמפּיקייט
פון זיי שאַרף,
שאַרפער ווי דער ריח פון געטראַנק.
זיי רעדן הייזעריק און וואַרפן ס׳זילבער-געלט אין דר׳ערד אַזש
ס׳צעשיט זיך,
ווי דער קלאַנג פון אויסגעזעצטע שויבן אין צעשפּרינגען גלאָז.
פּלוצים — שטולן ווערן אומגעדרייט, און ס׳הייבן זיך
די פויסטן אין דער הויך,
איינער קעגן אַנדערן געשטעלט, איינער וויל דעם אַנדערן
דערלאַנגען מיט אַ קופּל אינעם קאָפּ,
דעמאָלס — סטאָפּ
ריגלען זיך די ריגלען אויף די טירן, זיי אַרויסצעפירן —
שוואַכע וואַקלענדיקע אומצעפּאַקן מיטן פּנים פאַר די הייזער
פון דער גאַס

VI

פֿאַרטאָג

גרינע שינדל־דעכֿער — שמאָל און שיף אַרויפֿגעשפּיצט — שטייען
נידריק איינס צום אַנדערן פֿאַרדריקט
און צוימען-איין די טונקלקייט. אין זיך — צום דורכפֿיר פֿון יעדער גאַס.
פֿורן ציִען זיך אויף רעדער סקריפּיקע, מיט נידריקע דיקע
פֿערד פֿאָראויס אין שפּאַן,
פֿון דערפֿער אָנגעפּאָרן אין באַגינען פֿון דער שטאָט.
און ס'דינגען גרינוואַרג בײַ זיי, בײַ די פּויערן אין סוקמאַנעס
געהילט,
קריטינס יונגע נאָך, מיט אַרויפֿגעכאַפּטע טיכער אויף די קעפּ
און מיט לויזע קליידער אויף דאַרע ציטריקע פּיס.
די הענט מיט טאָרבעס און מיט קײַשעלעך פֿאַרנומען,
לייגן אומרויק פֿון איין האַנט אין דער אַנדערער דאָס דראָבנע מינץ
ווייל די קינדער אינדערהיים וויגן זיך אַליין שלאָפֿנדיקערהייט
און די מענער זייערע זענען פֿרי, ווען דער מאָרגן האָט געבלויט,
צו פֿאַררויכערטע פֿאַבריקן אײַלנדיק אַוועק.
די זון איז נאָך ווײַט, הינטן דאָרט, אונטער אויסגעבלייכטע הימלען
אויף מזרח־זײַט פֿאַררוקט
און וועט ערשט ווײַזן זיך שפּעט אין טאָג, פֿאַר צעעפֿנטע
שניט־קראָמען אין מאַרק,
וועלן קרעמערקעס, מיט צעראָפּגעהאָנגענע בנימער פֿון לאַנגן שלאָף,

זיצן פאַר די פּאָליצעס ביי זיך אין קראָם, אַריינגערוקט
אין דער טונקלקייט, בלאַ...
און רעדן שמייכלענדיק מיט זינגענדיקע רייד פאַר צוגעברענגטע
גראָשן־לייזעכץ,

וואָס שווילן פון די הענט אין די שופלאָדן אַריין.
אַ גוי, מיט אַן אָפּגעסמאַלעט פּנים פון דער זון, וועט מעסטן
אַ לאַנגע בורקע
און פּאַטשן דעם סוחר אויף דער האַנט דעם פּרייז און אויסגעציילטע
קלעפּ.

יידן וועלן אומפליען פון בויד צו בויד, פון בויד צו בויד,
ווי פלעדערמייז פליען נידריק ביים אויער פאַרביי,
און מיט אומרו אין די בערד זיך אָנזאָגן אַן אָנזאָג,
אַז ס׳קומען ווידער אָן די גויים מיט קאָסעס און מיט העק.
און ביז די נאַכט וועט זיך צעלייגן צו דר׳ערד
און ברענגען אַלעמען צו זיכערקייט און היים,
וועט שטייגערן מהומה איבער קעפּ און לויערן מיט אימה איבער זיי
ווי ס׳לויערט אַלע מאָל די שרעק אויף גוישע מערק.

ט

דער גרינער יום־טוב

און קומט אַ חגא־טאָג ביי זיי, טוט מען אָן אויף זיך שוואַרצע,
אָפּגענוצטע רעק,

וואָס הענגען לויז אַראָפּ ביי די אַקסלען פון די הענט;
דאָס ווייב פאַרבינדט אַ טיכל אויפן קאָפּ און מיט די קינדער פאַר
דער האַנט

לאָזט מען זיך אין פרידלעכן שפּאַציר.
נאָר דאָס יונגוואַרג איז שוין ווילד און שפּרינגט אין די
אויסגעצירטע וועגענער מיט גרינס,

וואָס פירן פאַר אַ צענער צו די פּאַרקן פון די פּאָרשטעט מיט
געזאַנג.

די פערד, ווי אויסגעפּוצטע כלות, מיט סטענגעלעך און בענדעלעך,
פאַרפלאָכטענע מיט צעפּ,

פליען ווי די לייבן אין „דראַבינעס" געשפּאַנט
און נעמען־אויף דאָס פייפן פון די יונגען מיט דער בייטש.
צופוס נאָר גייען זיי, די פּאָרלעך די פאַרליבטע, צו פאַרלענגערן
דעם וועג.

און פירן זיך אַ שמועס, געאָרעמט און פאַררעדט מיט זיס און
אָנגענומע רייד.

איינער רייסט אַ צווייגל אָפּ פון בוים און פאָכעט מיט די בלעטלעך
אין דער לופט

און רופט מיט אויסטערלישע קולות צעשריגענע און לויפט.
ס'איז אַ יום־טוב־טאָג ביי גויים היינט פון גרינס,

און ביימער בליען-אויף מיט אויפגעבלויטן בעז צעבליט.
ביידלעך גראָע, —ווי ציגיינער פירן-מיט פון לייוונט אַ געצעלט, —
זענען אויפגעשטעלט אויף אַלע וועגן, ווו מען קומט.
און שיקסלעך טאַנצן באָרוועסע צום אָפּהילך פון אַ פּויק.
פעסער קוואַס, ווי פולע פעסער וויין, און ווייסן אויפגעשוימטן ביר
גיסן יידן פון די קרוגן אין די גלעזער איין
און צאַפּלען זיך אין שרעק פאַרן אַנלויף פון די שקצים פון אַרום.
זילבער-געלט, פון אַ טיכעלע געשפּרייט, וואַרפט אַ פּאָקוסניק
צעוואָרפן אין דער לופט,
און כאַפּט זיי אַלע פּאַראַמאַל, מיטן אָפּקלאַנג פון מעטאַל — ליידיק
אויף דער פוסטער האַנט.
און אויגן ליכטיקע חידושן פאַרגאַפט.
צוקערלעך, אין פאַרביקע פּאַפּירעלעך פאַרדרייט, ליגן אויסגעסדרט
אויף גרינע שפּיל-טישן צעלייגט.
און מען שיט זיי אין די הויפנס גאַנצע חמרים פאַר אַ שיבוש,
ווען מען שטעלט נאָר אין געווינס,
און גוים זאַמלען זיך אין אַ שטופּעניש איינס אויף ס'אַנדערע אַרויף.
צו אַ דראַנג אי'ז צוגעפּירט אַ לאַנגער דראָט, און איבער אים
אויף רעדעלעך געדרייט
פליען יונג און אַלט, ווי די פייגל דורך אַ וואַלד.
און קולות קומען שיכורע און זינגענדיק, צעשריגענע אין פרייד:
„קלויבן יאַגדעס איז אַוועק מאַרישאַ, הו—כאַ
און פאַרפלעקט דעם שירץ דעם ווייסן, הוי—דאַ!
הוי—דאַ—נאַ הוי—דאַ דאַ—נאַ הוי—דאַ—נאַ הו—כאַ!

VI

דאָס געבעט פֿון די קינדער

הענגט ביי יעדערן אין הויז אַ שטייגל אויפֿן וואַנט,
און ס'צאַפּלט זיך אַ נפֿשל אַ קליינס פֿון אַ פֿייגעלע, צעטרילט,
די בענקשאַפֿט נאָכן וואַלד מאַכט פֿול די ענגע שטוב
און פֿלאַטערט, ווי דאָס קול, ציטעריק און שאַרף. —
פֿינסטערן די אויגן ביי די קינדער צום געבעט:

„זאָל די מוטער די הייליקע אַראָפּגיין פֿון איר טראָן
און נידערן צו הייזעלעך, פֿאַרלאָזטע פֿון איר שוץ.
די פֿאָרכטיקייט, וואָס רוט אויף אונז, זאָל אויסלייזן פֿון פּיין
און אָפּטון דאָס שלעכטס פֿון אונז, וואָס לויערט פֿון אַרום
שיק אויף אונז די מילדערונג, וואָס קומט פֿון דיין געזיכט,
און הייל אונז אויס, אָ, הייליקע! אָ, מוטער פֿון גענאָד!
פֿאַרוואָגלטע מיר זענען דאָ, ווי שוועלבעלעך פֿון נעסט,
און וואַרטן ביז דיין אויסשטראַלונג וועט נידערן צו אונז.
פֿאָרכטיקע, פֿאַרזינדיקטע, מיר בוקן זיך צו דיר
און צלמען די הענט זיך מיד ביים קניען פֿאַר דיין בילד,
היטערין, באַשיצערין, פֿאַרגיב אונז און פֿאַרגעס
און ברענג אַראָפּ די לינדערונג מיט היילונג פֿון דיין האַנט...“

די פֿענסטער זענען אויפֿגעמאַכט, און בלומען־טעפּ די ליכטיקייט
פֿאַרשטעלן,

ציען זיך די שאָטנס אויף די ווענט, ווי פּייַטע וועש געצויגן
איבער שטריק,

און ריחות דעמפּיקן מיט רויך און ציבל פון אַ פּאַן,
קרוליקעס, ווי ווילדע קעץ, און ים־חזירימלעך קריכן אין די בעטן אום
און לעקן לאַשטשענדיק די דאַרע הענט פון קראַנקע לייט.
וואָס וויגן מיט די קעפּ, אויפגעזעצט, פאַרן אומרו פון חולאת.

VII

אויפן חזיר־מאַרק

דאָס אינגעווייד פון חזיר לייגן־אויס די גויים אויפן מאַרק,
אויף האַלב-אייליקע שטיקער שניידן זיי דאָס פעטס
און ברענגען דאָס אויף האָקעס אָנגעהאָנגען פאַר די בוידן ביזן דאַך,
אַנטקעגן, אין דער זייט, שטייען גויעס מיט קאָשיקעס צעשטעלט.
אין געלע דאַרע הענט טראָגן זיי אויסגעוויקלטע בלומען פון פּאַפּיר
און גלאָצן פון דער פאַרביקייט אָפּער צו די שטיקער חלב,
וואָס גליווערן אין אויג:

„אונזער מאָגן איז שוין איינגעדאַרט,
צונויפגענומען און פאַרמאַכט,
פאַר די אָפּגעמאַכטע שטיקער גראַש,
פאַר די געל־פאַרבריטע שטיקער אינגעווייד, —
גיט אונז פעטס!
גיט אונז סאַדלע פונם האָק אַראָפּ;
וואַרפט עס אונז אין קויש אַריין!" —
בלאָזן זיך די בלאָע ליפּן פון די גוייעס מיט אויסגעוויקלטע
בלומען פון פּאַפּיר,

„אונזערע קינדער זענען קליין,
אונזערע מאַנען האָבן אונז פאַרלאָזט,
זיך אָפּגעקערט פון אונז, פאַרלאָזט,
און מאַמעס ליגן ביי אונז קראַנק צו בעט! —
גיט אונז פעטס,

גיט אונז סאדלע פונם האָק אַראָפּ;
וואַרפט עס אונז אין קויש אַריין!" —
בלאָזן זיך די בלאָע ליבן פון די גוייעס מיט אויסגעוויקלטע
בלומען פון פּאַפּיר,
און קיין איינע רירט זיך נישט פון אָרט.

VIII

דינסטמיידן

וואַשן וועש און האָבן הענט מיט אָדערן פאַרשוואָלענע, ווי שטריק,
איז דער גורל פון די גוייעס, וואָס דינען יונגערהייט אין דינסט
און טראָגן־אויס דאָס לעבן פאַרהויקערט אויפן נאַקן ביזן סוף.
די עלטער קומט מיט קנייטשן אויפן פּנים פאַרפינצטערטע—און בלייכט,
און רוקט אַרויס די ביינער מיט שפּיזלען קנאָכיקע פאַרשפּיצט.
ווערן קלענערער די אויגן אין דער איינגעצויגענער טיפעניש
אין קאָפּ
און קוקן שטום, ווי מייז, פאַרהוילענע פאַר דער גיריקייט פון קעץ.

אַמאָל האָט דאָס לעבן אין פולן בוזעם — ווי אַ קוואַל ריזלט אויף
אין בערג—געטראָגן זיך אין יונגן בלוט,
און גאַסן האָבן פריי מיט ליכט און זוניקייט געעפנט זיך פאַר זיי.
זענען די זונטיקן געווען אין די קלויסטערן צו גיין, און
פאַרנאַכט מיט זעלנער אין די גערטנער אויף שפּאַציר.
אַ שאַלעכל פון ווייסן וואָל האָט אַרומגעהילט דעם שוואַרץ־
פאַרברוינטן האַלז
און פויערישער געוואַנד אין רעשיקן קאָליר האָט רונד
געקרעמפּעוועט די פולקייט פון איר מוידישע פיגור,
די האָר זענען געווען פול און דיק פאַרנומען אויפן קאָפּ.
און דאָס פּנים יונג האָט גערויטלט זיך פאַרשעמט פאַר יעדן
מאַנסבילישן בליק.

ווייסע נעכט, ווי אַלע מאָל אין פרילינג, זענען אויפגעגאַנגען
לויטערע און העל
און דורכגעצויגן פאַרן אָפענעם פענסטער פון איר אָפגעטיילטן
ווינקל אין דער קיך
און פאַרן ווייס־פאַרבעטן בעט.
איז דעמאָלט איר אַלץ איינס געווען, ווער עס זאָל דער מאַן
נישט זיין
צו קומען עפענען די פולע איבער־פולקייט פון איר לייב...
נאָר די זומערן זענען דורכגעלאָפן שנעל, מיט שיכלעך שפּיציקע
פאַר אויסגעגרינטע ביימער
פון ביידע זייטן גאַס,
און אָפגעבליט מיט בלעטער וויאַניקע, פאַרגעלט, פאַר וועלקט—
האָט די עלטער זיך פאַרקליבן אין די האָר
און פאַרענדערט דאָס געזיכט מיט אָפגענוצטע קליידער אויפן לייב,
ווי אַ פערד אַן אַלטס מיט אַרויסגערוקטע ריפּן ביי דער זייט.

IX

נע־ונד

טראָגן וואָליקעס אין ווינטער־טעג די גויים אויף די פיס
און טוליען זיך אין קאָזשוכעס פון שעפסן־פעל געפעלצט,
אַ קוטשמע אויפן קאָפּ און אַ גאַרטעלע פון רימעטן פאַרשנירט;
דער פראָסט איז ווייס, און שווער די טריט אויף סקריפּענדיקן שניי
צו שלעפּן זיך צום וויטן דאָרף פון שטעטעלע צוריק
און נאָכקוקן די שליטעלעך, וואָס פליען אויפן טראַקט.

ווער עס גייט אין אָרעמקייט,
טראָגט אויף זיך אַ זאַק,
און ווער עס גייט אַבי צו גיין,
איז נישט שייך, וואָס ער טראָגט.

איינער טראָגט אַ שטעקעלע
און דרייט עס אויפן ווינט,
און איינער טראָגט צוויי עמער שווער
וואָס בייגן אים ס׳גענִיק.

איינער בינדט די שיך מיט שטרוי
און שלעפּט זיך אויפן פראָסט,
און איינער שווימט דאָס אויג פאַרביי,
אין אַ שליטעלע געשיפּט.

קלינגען דאָ די גלעקעלעך,
וואָס טראָגן זין און לופט,
און ברענגען צו דיביימער ס׳קול,
וואָס בייגן זיך צום טאַקט.

ווער עס גייט אין אָרעמקייט,
טראָגט אויף זיך אַ זאַק,
און ווער עס גייט אַבי צו גיין,
איז נישט שייך, וואָס ער טראָגט.

גראָבע הענט און שווערע פיס מאַכט די אַרבעט אויף דער קעלט.
לייגט מען זיך, ווען ס׳איז נאָך פרי, ווי נאָר די נאַכט קומט אָן.
אין כאַטע איז נאָך פריש געהייצט און ס׳שלאָגט די וואַרעמקייט צום קאָפּ.
„מאַטקאָ״, — רופט דער אַלטער סטאַך — „פיר אַריין דאָס קאַלב,
מעלק אויס די קו, פאַרלייג די לאָדן און פאַרמאַך, —
און זע, ס׳זאָל נישט צופרירן די טיר מיט דער טרוקעניש פון פראָסט״.

ווייסער ווינטער־אָוונט

און דווקא דאָ אין אָרעמקייט ליגט אויסגעשפּרייט די זילבערניש
פון פראָסט.
וואָס טולעט זיך צו הייזערלעך פאַרפינסטערטע פון רויך.
די געסעלעך צום דורכפיר זענען ווייס, אין ווייס ווען
אויפבליען נעכט
און אויסהיטן אויף דעכעלעך די לויטערקייט פון שניי.

אַ פורמאַן־יונג האָט אויסגעשפּאַנט די פערד
און פירט זיי מיט זיך אויסרוען צום שטאַל,
צו קאָרעטעס מיט דורכגעשניטן שטרוי.
פאַר זיך אַליין איז שלאָפן גיין נאָך פרי,
צו נעכטיקן אויף קאַרג געסטויקטן היי
אין וואַסער צו פאַרטרינקען פון אַ שאַף —
קלומפערט ער מיט עמערלעך ביים פלומפּ
און טרעט מיט שווערע שטיוואַלעס אין שניי.
פון הייזעלעך, פון שכנישע דערביי
צעגרינען זיך די פענסטערלעך אין שיין,
וואָס צינדן זיך מיט היימישקייט פון דאָרף.
די טונקלקייט, וואָס לייגט זיך ביי דער ערד,
ווערט טונקלער פאַרצויגן אויף די ווענט
און הייבט זיך אויף אַרויפצוצו אַרויף,

X

צו שטערנדלעך צעפּינקלט אין דער הויך.
ביז אַלץ וועט דאָ אַ קער טון זיך צום שלאָף
און לעשן זיך פון לעמפּעלעך צעציג׳ן,
באַשינדלט אונטער דעכעלעך פון האָלץ,
וועט מישן זיך די העלקייט פון דער שיין
אויף שנייעלעך צעפונקעלט ביי דר׳ערד,
וואָס צאַפּלען זיך דאָ בלענדיקע און פאַלן
און קאָנען מער נישט. אויפפליען אַרויף...

די ווייסקייט פון דער ערד ציט זיך אויס נאָך .ווייסער, ווי די
גליווערונג פון טייך.
און פירט אַוועק דאָס אויג פון זיך צו שטחן צו ווייטע
פון דער וועלט.
ווערט גרינג אַזוי דער אָטעם אין דער ברוסט צו אָטעמען
די פרישקייט פון דער לופט
און שרייען ווי די פייגל שרייען־אויף צו שטחן צו ווייטע
אין דער וועלט.

העלע נעכט

ערב פֿרילינג

ביימער — ווי די אויפבליונג זאָל אויפגיין דורכן פראָסט — שטייען
ווייס און ליכטיק,
מיט צווייגן זוניקע צעהאָנגען און צעבליט,
און ס'טויכט די בלויקייט אונטער הימלען אויף דורכזיכטיק און העל.

וואָלקנדלעך — אָנגעיאָגט פון ווינטן, פליען ווייסע ווי באָטשאַנעס
דאָ פאַרביי —
און ס'גייט די זון — אַ גילדענע אין שיין מיט טייכלעך צעפירטע
ביי דער ערד;
די וואַסערלעך — צעשפּילטע ווי די קוואַלן — שפּיגלען זיך
אין לויטערקייט,
ווי פישעלעך צעשווומענע אין שטראָם,
און ס'בלענדט פון אַלע צווייגן דאָ די זון מיט אָפּגעשיטע בליטן
פונם בוים.

די ערד — נאָך ווייסער ווי די מילך־נעבל די לויטערע ביים ים —
מיט בערג, ווי אָנגעברענגטע שיפן פאַראַנקערטע צום ברעג,
האָט הימליש אויפגעשיינט ווי נאַקעט לייב און ערדיש זיך צעבליט;
וואַקסט די ווייסקייט אויף די בייטן פון אַרום אין ווייסן בלענד
און ס'ציט אַ שליטעלע, אַ גרינס, געצויגן דורך דער ווייסקייט אין
דער ווייט.

דאָס פערדעלע, אַ קליינס, אַ ברוינס, טוישט די פּיסעלעך געיאָגט
צום טאָל —

ווּ איז נאָך אַ לאַנד אַזאַס פאַראַן?
און ווּ האָט נאָך די ווייסקייט פון דער ערד נישט אָפּגעטון די
בלענדונג פונם שניי?

דער פראָסט, וואָס מאַכט גליווערן די טייכן און פאַרפרירט,
האָט פרי און פריש אַ שלאָג געטון מיט אָטעם פון אַ לינדן ווינט,—
זענען הירשן זיך צעלאָפן פונם וואַלד און אויסגעקוקט אַ נאַקעט פעלד.

ביים טאָג־פאַרגאַנג

נאַכט איז ווייט שוין אויף די פעלדער־פלאַכן פונם הימל
פאַרלאָפן — מיט איר האַנט אַרומנעמען דעם טאָג.
שפּרינגען שטיקער פלאַם פון אונטער אירע פינגער נאָך אַפּער —
זיך אומקערן צוריק.

אַ דערטרונקענע אין פלאַמען — טייכן בלוט —
שרייט די זון פאַרזונקען ביזן האַלז:
— וועלט! איין בליק נאָך כאָטש, וועלט!
ס'האָט אויף הינטן ווער געבונדן מיר די הענט,
פליען פלאַקער־פלאַמען, פלאַטער־טיכער
פון די אַקסלען איבער מיר.
הינטער וואַלד — אָ, ברענען מיינע האָר.
הימלען פאַלן אויף מיין קאָפּ. —

צוויי פליגלען־ווינט האָבן אויפגעוויגט דעם דינעם שטויב פון פאַר
דער נאַכט
און צ'ריקגעפאַלן זיך בוקנדיק צו דר'ערד —
ס'איז אויס דער טאָג — אויס! —

אין פריען האַרבסט

אויפגעטריבן יאָגן זיך די וואָלקן אום מיט ווייסע פליגל
און די זון — מאַט, ווי אויסגעקלאַפּט פון רויטן קופּער,
שטייט נידעריק אינם קאַלטן הימל, — רונד געריפּט,
און דאָרט אָפּ די לעצטע בלעטער דאָ פון יעדער צווייג

די פעלדער ליגן — וויסט, שוואַרץ און אָפּן פאַרן אויג, —
ביז דער נאַקעטקייט פאַרשניטן צו דער ערד.
אין וועלדער גייט דאָס קול פון פעטע פייגל אום
הייזעריק און שווער

און ברעכט די צווייגן, הויל און טרוקן, מיט דער טרייסלעניש
אין ווינט.

ווו איז נאָך די ערד אַזוי אָנגעשוואָלן און שוואַרץ
מיט בלויע סאַדזעווקעס באַזעצט — בלינד-געוואָרענע
אין האַרבסט,
גרין פאַרצויגן און פאַרגלאָזט מיט דער בלינדקייט פון דער ערד?

ווייט ביי די נידעריקע הייזער פון דאָרף גייט אום אַן איינציק פערדי
ציט דעם לאַנגן האַלז צו די לעצטע גראָזן אינם פעלד.

ווו איז נאָך די ערד אַזוי אָנגעשוואָלן און שוואַרץ
אין פריען האַרבסט?

העלע נעכט

אַז ס׳איז אַרויסגעגאַנגען די לבנה זיך אויפהענגען
איבער די שיפּע דעכלעך פון די הייזער, די פאַרזונקענע אין נאַכט,
איז דאָס ביסעלע געהילץ, די קרומע פּלויטן מיט די אָפּגעטונקטע
ווענט,
געשוווּמען, ווי אַ מעשהלע — ווייס געזילבערט אינעם חלום
פון מיין קינדיש האַרץ.

מיין מאַמע האָט אַ וויגעלע אויף פליגלען אויפגעהאָנגען —
און ביי דער סטעלע אין דער הויך וויגט עס זיך און וויגט.
די ווענט, די ווייס-געקאַלעכטע, שוין נייגן זיך צום שלאָף,
און ס׳גייט די מאַמע אום אַליין אין בלויען זייד געצירט,
אין האַנט ביי איר אַ קריגעלע, אַ קריגעלע מיט וויין,
שטעלט ז׳עס ביי דעם קאָפּ, ביי מיר, און זעצט זיך אויפן דיל:
– קומען, קומט אַ קאָטש צו אונז, אונז פירן איבער פרייד,
עס מאַכן צו די אייגעלעך — גילדעט זיך דער וועג...

אַזוי דערציילט מיין מאַמע מיר אין חלום פאַרן שלאָף,
ביז ס׳ווערן גרין די פענצטערלעך, געזילבערט אינעם שיין.
ווו-זשע איז דאָס הייזעלע, דאָס קינדישע, מיין העלס? —

טונקל איז מיין בליק שוין איצט דורך העלע נעכט צו גיין...

דערוואָרגענע טויבן

מיין האַרץ — אַ נעסט מיט דערוואָרגענע טויבן,
האָב איך נישט וועמען פאַר דער מאָרגן־זון טרייבן
ביים אויפגאַנג פון טאָג.
יתומט מיין בייטש אויף אַ שפּיץ פונם אַ דאַך
מיט אַ טיכל פאַרקניפּט — אַ שפּיל פאַרן ווינט.

מיין האַרץ — אַ נעסט מיט דערוואָרגענע טויבן.

ס'האָט איינער — אַ גברן — אַ יונג פונם חושך,
באַנאַכט זיך פאַרגנבעט אין נעסט פון די טויבן
און איינער פאַר איינער די העלזלעך געוואָרגן —
ליגן זיי איצטער גענהרגט, פאַרטיליקט, צוזאַמענגענורקעט,
מיט קעפּלעך די קליינע פאַרגראָבן.

מיין האַרץ — אַ נעסט מיט דערוואָרגענע טויבן.

כ׳בין דאָ כ׳בין אומעטום דאָ

די קרומע צעהויקערטע געסלעך פירן דאָ אַלע פון פאָרשטאָט צום טייך,
און ברענגען פאַרטאָג די ערלים מיט הילצערנע שופלעס צו שעפן דאָס זאַמד.
ציען זיך פוילישע פויערישע פורלעך מיט לאָדונגען זאַמד געצויגן אין שפאַן
און ס׳טיקן-אויף שיפלעך, ווי אונטערגעשאָסענע פייגל לענג-אויס אויפן וואַסער
ביי יענער זייט ברעג.

ס׳איז דער טאָג היינט אַ העלער, אַ לויטערער הימל מיט וואָלקנדלעך ווייסע צעשאַרט
שפּיגלט די העלקייט זיך אָפּ אויפן וואַסער און בלענדט מיט מעסער, שאַרפע צעבליצט,
שווימען אָן העלזער, קלאָרע, פון ווייסינקע לעמער און לייגן צום שעכטן זיך אויס.
האַלזן זיי הענט, מיידלישע הענט, אין ווייסן געבאָד און יאָגן זיך איבער אין לויף...
ס׳איז דער טאָג היינט אַ העלער, אַ לויטערער הימל מיט וואָלקנדלעך ווייסע צעשאַרט.

דער רודער ווערט גרינג אין מיין האַנט, צו רודערן שנעל אַנטקעגן
דעם שטראָם.
און ס׳לויפן די וואַסערן צ׳ריק און ברענגען די קילקייט פון ווינט
אויף מיין פנים צעשפילט.
מיין האַלז ציט זיך אויס צום געזאַנג, און ס׳פליען די ווערטער פון
מויל, ווי שוועלבעלעך שורותווייז פליען.
גיב איך אַ שטעל זיך אין שיפל, וואָס וויגט זיך צעוויגט, ווי אַ פיש
ביי סקאַליקע ברעגעס צעשוימט.
און גיב אַ פייף, און גיב אַ רוף, — ענטפערט די ווייטקייט מיר אָפּ
מיט מיין אייגן צעזונגענעם קול:
— כ׳בין דאָ, כ׳בין אומעטום דאָ ווו דו ביסט- כ׳בין דאָ!״

לאַנד פון פאַרהוילענער וואָר.

ווי דער ווינט בלאָזט-אויף די פאַנאַנדערגעצויגענע זעגלען
און שווימט,
שווים איך אויף דיינע גאָלדענע ברעגן פאַרביי —
לאַנד פון פאַרהוילענער וואָר!

מיט טעמפּע געשרייען פון פויגלען, וואָס רייסן
די ווילדעניש דורך,
שריי איך ווי זיי אין מיין אָטעם צו דיר:
גיב דאָס ליכט, גיב די שיין אויף מיין פּנים צו זען
און דאָס רוישן פון וועלן אין מיין קול!
מיין אָטעם מיט ווינטן פון בערג מאַך פול
און צעפיר דיינע וועלדער פאַר מיר.
צעפיר דיינע גרונטן פון ימען און פליייץ,
ביז מיין פוס וועט אויף מאָכיקע שטיינער אַרויף
און באַטרעטן די היילן פון אייביקער רו —
ווו טונקלקייט פירט אין אָפּגרונט צו דיר —
גיב דאָס ליכט, גיב די שיין אויף מיין פּנים צו זען
און דאָס רוישן פון וועלן אין מיין קול!

ווי דער ווינט בלאָזט-אויף די פאַנאַנדערגעצויגענע זעגלען
און שווימט,
שווים איך אויף דיינע גאָלדענע ברעגן פאַרביי —
לאַנד פון פאַרהוילענער וואָר!

פאַר מיר

פאַר מיר זענען בערג געשפּאָלטן מיט וואַסערן צום פלוס!
פאַר מיר גייט דאָס פייער אין די הימלען פון דונערן אַרויס!
בליצן שלאָגן אויף — מיט גילדענע פליגל — און צעפליִ׳ן,
און ס׳ציען זיך די וואָלקן — פולע, אָנטרינקען די פעלדער פון
דער ערד

פאַר מיר וואַקסט דער שטיין מיט זיין לאַנגזאַמען וווּקס,
און ברעכט זיך אין דער העלפט מיטן קלאַפּ פון אונזער האַנט!

אַז דאָס וואַרעמע ליכט איבער אונז גייט אַרויס צו דער שיין,
מיט רויטקייט פאַרנומען אין פייער, צעגליט אין דער זון,
גייען טונקעלע בערג פון פאַרנעפּלטע מאָרגנס אַפּער
און גרין ליגן אויף זיך די טאָלן צום ראָזן באַגינען.
ס׳נייגט יעדער בוים די צווייגן אַנטקייגן דעם פלאַם,
און אַלץ, וואָס האָט ווידמונג, ווי איך אויף דער ערד — רעדט אַרויס
אין דער פרייד:
„פאַר מיר גייט דאָס וואַרעמע ליכט אויף דער ערד!
פאַר מיר קומט דאָס ברויט צום לייב מיט דער זעט!“

אַזוי וווּנדערלעך־העל, אַזוי פֿריידיק און זיס

די פֿייגל, וואָס בויען זיך נעסטן אין דער הייך,
און זוכן די שפּייז פֿאַר די קליינע און פֿאַר זיך,
פֿליען אַרויס, ווען דער טאָג איז נאָך ווייט,
ווען דער טאָג איז נאָך בלאָ, אונטער הימלען פֿאַרמאַכט,
און ברענגען מיט זיך דאָס געזאַנג אין דער קעל —
אַזוי וווּנדערלעך־העל, אַזוי פֿריידיק און זיס.

גרינט אויף דאָ דער טוי אויף די גראָזן צעגרינט,
וואָס פֿלייצט פֿון דער ערד מיט דער פֿעטקייט אַרויס
אין אַ שטראָמיקן פֿלייץ איבער יעדערן בייט,
איבער יעדן צעהאָנגענעם צווייג אויפֿן בוים —
אַזוי וווּנדערלעך־העל, אַזוי פֿריידיק און זיס.

ס'שלאָגן די קנאָספּן צעעפֿנטע ווייס,
ווייסע, צעבליטע, צעשמייכלט אין שיין,
ביז אויפֿגיין וועט דאָ די פֿרוכט איבער זיי
אַזוי וווּנדערלעך־העל, אַזוי פֿריידיק און זיס.

איז עס אונזער געזאַנג פֿון ערד און פֿון בוים
און פֿון פֿריידיקן האַרץ, וואָס אין מענטש איז פֿאַראַנ'ן —
אַזוי וווּנדערלעך־העל, אַזוי פֿריידיק און זיס.

איך וואַרט אויף זון־אויפגאַנג

איך וואַרט אויף זון-אויפגאַנג,
אויף דעם ערשטן שטראַל
וואָס שניידט די וואָלקן דורך,
דורך פולער פינצטערניש
און ס׳פאַלן בערג אויף בערג,
שוואַרצע פעלזן-בערג
אין תהום — פאַרפאַלונג...
און ס׳קומט אַ צווייטער שטראַל
און זוימט מיט ליכטיקייט
די נאַכט-צעפאַלעניש
און שלעפט זיי שטיקערווייז
אין ים — אומענדלעכקייט
און דערטרינקט זיי דאָרט.
און ס׳קומט אַ דריטער שטראַל
און עפנט ראָזיק אויף
ס׳מויל — די ליכטיקייט,
און שרייט פון תהום אַרויס:
די נאַכט איז זיך צעפאַלן!
די נאַכט איז זיך צעפאַלן!

יונג מיט פעסט געבויטע גלידער

יונג, מיט פעסט געבויטע גלידער,
מיין בליק פאָרויס געווענדט — די ווייטקייט צו באַנעמען —
קום איך אינם העלן טאָג.

אַז איך פיל אונטער מיינע פיס דער טריט הילכט געזונט —
לאַכט מיין האַרץ פאַר פרייד,
ווייל יונג בין איך מיט פעסט געבויטע גלידער!
איך וועל דורכגיין מיינע טעג און באַצווינגען מיט אַן עכאָ-הילך
די גאַנצע ערד!
דער ים וועט דעם עכאָ-הילך באַנעמען
און איבערענטפערן דעם ווינט,
דער ווינט וועט פליען דורך דער וועלט,
טראָגן ברייט דעם הילך, דורות ווייט נאָך מיר
און דערציילן זיי דעם גאַנג פון מיינע יונגע טעג.
ביז אויפשטיין אַ פאַרוואָגלטער וועט ערגיץ אינם שטויב
און שטעלן זיינע טריט ווי איך,
ווי איך אויף האַרטער ערד.

אייביק, אייביק וועט זיך איבערענטפערן מיין קול — אייביק, אייביק!

ערגעץ ווייט

ערגעץ ווייט,
אין טיפער נאַכט
ברענט אַ פייערל אַ רויטס.
רייפט אַ העלקייט רונד אַרום —
אַ פאַנצער-שיין דעם קליינעם פייערל
אין טיפער נאַכט...
אויג אויף אויג
האָב איך זיך מיטן ליכט געטראָפן
און טיף האָב איך דערפילט
אַ רעגן-בויגן-שיין
רייסט זיך פון מיין האַרץ
אַהין צים ווייטן ליכט
און שמעלצט צענויף מיין בליק
מיט יענעם ווייטן אויג,
וואָס בליקט פון טיפער נאַכט
צו מיר אין מיין געדאַנק
און צינדט אין מיר דעם פלאַם
פון אַלע וועלטן-ליכט...

טריט מײַנע

טריט מײַנע, נאָך נישט דערװעקטע.
אונטער טױרן נאָך פֿאַרשלאָסן,
זוכן אױסגאַנג איבער מױערן
צו די אױסגעקוקטע הײכן.

פֿרעמדער הימל!

ס׳גראָבט אַ קװעלעכל אין דר׳ערד זיך
טיף אין גרונט אַדורכגעריסן,
װי אַן אָדער אַ געפּלאַצטער,
קומט מײַן װאָרט אין האַלז געשפּרונגען.

ס'וואַקסן מיינע אויערן — שאַרף

ס'וואַקסן מיינע אויערן — שאַרף
אַנטקייגן אַלע ציטערנדיקע קולות,
וואָס קומען צופאַלן צו מיין געהער.

כ'בין דער שטילער פליסטער,
וואָס גייט אין וואַסער פונם טייך
אויפצוברענגען דעם צער.

אָ, וויפל זענען מיינע אויערן מיטגעוואַקסן
מיטן חלום פון אַ קינד,
מיטן ווייסן פלאַטער פון אַ טויב,
מיטן פישטש פון אַ פייגעלע אַ קראַנקס?

אַז ס'האָט מיין פרייד זיך אויפגעזאַמלט אינם האַרץ,
אין אַ ווינקעלע ביים האַרץ,
ווי ס'ווילדע גראָז ביים וועג —
האָב איך מיט קליינע אויערן נאָך
פאַרנומען יעדן טאַקט אין טריט
פאַר מיינע אויפגעציטערטע רייד.

כ'בין דער שטילער פליסטער,
וואָס גייט אין וואַסער פונם טייך
אויפצוברענגען דעם צער.

קענ׳מיר זאָגן ניין?

כ׳האָב ווען אַ וואָרף געטון אַ שטיינדל — פרייד
אין שטילן טייך — געמיט;
ביים פרעמדן ברעג,
האָט אייליק אויפגעשפריצט
אַ גאָלדענער וואַסער-פאַל אין ווייסן שוים
און קרייזן רעדעלעך אויף ווייסן וואַסער־פלאַך
צעלאָפן זענען זיך ווי מיילער אָפענע
און איינס צום אַנדערן האָט שעפּטשענדיק גערעדט:
אָ, זעסט דאָס יונגל דאָרט,
אָ דער מיט שוואַרצע האָר,
וואָס שטייט דאָרט ווייט ביים ברעג,
אַזוי צוגויפגעלייגט די הענט,
געוואָרפן האָט אַ שטיין,
צו אונז אַנטשוויגענע,
צו אונז אַנדרימעלטע,
קענ׳מיר זאָגן ניין?
אַזוי האָט וואַסער־פלאַך, אַזוי האָט וואַסער־רויש געענטפערט
אין פאַרגיין;
קענ׳מיר זאָגן ניין?

ביים ים

צו אונז די פאַרבליבענע מיט שטילן אָטעם אין די רייד
האָבן ראַש אַ ריס געטון — גרוי די וואַסערן פון אַלע גרונטן — ים,
אויפגעכאַפּט זיך מיט די קולות פונם תהום
און געשריגן:
מיר, די פאַרשלאָסענע ביים ברעג
מיט מיילער אויפגעקומענע צו אייך!
מיר, די אַנטרונענע פון גרונט.
אין בליצן פון דער נאַכט-געשריי,
האָט אויפגעשפּאָלטן אונזער ווילן!
מיר, ס'וואַסער-פלאַך — אויפגעקנוילט אין הענט,
הענט, געאָדערט און צעקרימט,
זייט איר דאס גרינע פייער אין ד'אָדערן פון אונזער קאַלטן צאָרן!
מיר — ים! מיר — וועלט! מיר — אָטעם אין אייער האַרץ!
זייט איר דאָס גרינע פייער אין ד'אָדערן פון אונזער קאַלטן צאָרן!

ווער שטייגט מיט מיר אין שיף אריין?

איך אנקער אפּ מיין שיף אין ברייטן ים —
האלאָ! ווער שטייגט מיט מיר אין שיף אריין?
פאַראַנקערט שטייט מיין שיף אין פּאָרט און וואַרט אויף אייך!
האלאָ — ארויף, ארויף!
איך צי מיין מאַסטבוים — לייוונט — אויף,
זאָל בלאָזן שטאַרק דער צפון-ווינט
און טרייבן אונזער שיף געשווינד
אַהין, אַהין,
ווו ס'ליגט פאַר אייך דאָס ווייטע גליק.

אין יענער זייט, אין יענער זייט
ליגט אַ ריזן־וועלט געשפּרייט,
פון יענער זייט, פון יענער זייט
לאָקט אַ זון פון ווייטער ווייט,
אין יענער זייט, אין יענער זייט
ליגט אַ לאַנד אין זונען-קלייד—
האלאָ! ווער שטייגט מיט מיר אין שיף אריין?

פּאַראַנקערט שטייט מיין שיף אין פּאָרט און וואַרט אויף אייך.
פריי! קלאַמערט זיך פון אלעם אויס,
רייסט זיך פון דעם לאַנד אַרויס

און שווימט מיט מיר אַהין, אַהין ...
העפט זיך איין מיט מיר אין גליק,
פלעכט מיט מיר דעם ווייסן שטריק,
וואָס בינדט אונז אַלעמען צונויף
אַרויף, אַרויף !
איך אַנקער אָפּ מיין שיף אין ברייטן ים אַריין.

איך שטיי איצט שוין אַ באַזינטער לייב

איך שטיי איצט שוין אַ באַזינטער לייב,
מיין גבורה אָפּגעלייגט ביים טריט
און כ'פרעג:
ווער'ט אַרויסגעפירט דעם קיילעכדיקן פלאַם — זון פאַר מיר? —
מיך אַזוי אַוועקגעשטעלט אין פעלד
רעדן רייד מיט זיך אַליין?

כ'בין געגאַנגען דורך די טעג
איינגעקלעמט אין פענטע־טריט,
שריט נאָך שריט, שריט נאָך שריט,
ביז פרעמדע פרייד האָט אַ פייף געטון פאַר מיר,
דורכגעשפּיזט מיין אויער, —
האָב איך דערהערט דעם ווילדן קלאַנג
פון אייגן אויפגעריסענעם געשריי:
דו!
בין איך אַרויס, אַ קינד נאָך דאַן, אַ האָריק נפש,
מיט אויגן אויסגעבליקט צום רוים,
אַזוי אַ טאָג,
אַ נאַכט, —
שוין יאָרן גייט מיין בליק נאָך אַלץ
אין וויסטעניש געוועגדט, אין וויסטעניש געבלענדט.

און כ׳קען אין בלינדעניש פון שיין
נאָך אַלץ נישט תופס־זיין וואָס כ׳זע.

איך — אַ גליווער־שטיק פון זעמדלעך־שטויב —
מיט הענט צענומענע פאַרלאָפן בין אַ וועג,
אַריבער אַלע הויכקייטן פאַרדרייט
און פון העכסטער הויך האָב איך דערהערט:
דו ביסט דער נאָפּל־קניפּ אויפן פולן בויך פון דר׳ערד,
פון אונטער אַלע אירע שילטן־שטיין
ריזלען קוואַלן דורשטיקע צו דיר אין האַרץ,
צו דיר אין לייב!

דאָס ליד פון דיכטער

ביז ס׳וואַסער אין אויג וועט נישט מינערן זיך
און ווערן אינגאַנצן פאַרטריקנט אין מיר,
וועל איך זיין, ווי קוואַלן אין בערג שלאָגן אויף
פון נאַקעטן שטיין.

נישט מיין קול וועט אַ זינג טון אין רעש
און צעטראָגן די פרייד, וואָס איך טראָג,
נאָר פייגל צעיאָגן דער ווינט וועט
פון פינצטערע נעסטן אַרויס
און שפרייטן די אומרו אין נעבל.
מיין האַרץ — ווי דער וואַלד זיך צעוויגט,
און דאָס רוישן פון ערד כאַפּט זיך אויף, —
וועלן קומען די ווערטער אין מויל,
וויביימער אין שרעק זיך צעבלי׳ן.
די ערד האָט די שטיין־בערג אין זיך,
וואָס ברעכן צונויף אין איר גרונט,
גייען קולות אַרום אין דער טיף
און רוישן, ווי ס׳רוישט אויף אין מיר,
ווען ס׳לויפן די ווערטער זיך אויף
און צעפלי׳ן.

ביז ס׳וואַסער אין אויג וועט נישט מינערן זיך
און ווערן אינגאַנצן פאַרטריקנט אין מיר,
וועל איך זיין, ווי קוואַלן אין בערג שלאָגן אויף
פון נאַקעטן שטיין.

הייזער, אָ, הייזער פון שטאָט

הייזער, אָ, הייזער פון שטאָט!
איין הויז איז דאָס אַנדערע פרעמד
טירן — פאַרשלאָסן אין מויער —
איך בין אייער גאַסט דורך די ווענט.

איך קום אַריין אין אייער הויז
און בלייב אויפן ברעג פון אייער שוועל.
איך טראָג אייך פינצטערניש אָן
און ברען־אויף מיט פייערן העל.

איך בין אַ גאַסט צו אייער טיש
און זעץ זיך אַוועק ביי דער זייט.
איך פיר אייך זאַטע צום בעט
און נעם־אָפּ פון שלאָף אייך די פרייד.

איך יאָג די בייטשן אין ווינט
און רייס אָפּ די בלעכן פון דאַך.
איך רעד אַריין אין אייער אויער
די פרעמדע פאַרהוילענע שפּראַך:

די ערד און די שטיינערנע בערג,
די וויסטע פאַרהוילונג אין איר —

איך טויך אַרויף פון איר טיף
און שליס אייך די שלעסער פון טיר.

איך נעם אייך אָן פאַר דער האַנט
און פיר אייך אַוועק פון אייער בעט,
איך פיר אייך מיט ביזן גרונט
צו מיינע פאַרהוילענע שטעט.

איך לאָז אַליין אייך אין גאַנג
צו אַלע צעעפענטע ווענט.
איך קער נאָר אָפּ מיין געזיכט
פון קנוילן צעאָדערטע הענט.

די הענט — די מאָנונג, וואָס רופט,
די אייביקע מאָנונג אין זיי,
(מאָנונג איז ערדיש אין גרונט
און שרייט פון איר ערדיש געשריי.)

אָ, גייט, ווו איר ווילט דאָ גיין
מיט אונטערגעבראָכענע פיס.
איך קוק זיך צו נאָר, און זע,
ווי איר גיט דאָס העמד זיך אַ ריס.

די פיס — זיי ברעכן זיך איין
און איר פאַלט געשלאָגן צו דר׳ערד —
איך נעם אייך אָן פאַר דער האַנט
און פרעג — וואָס איר האָט געהערט,

„ניין!‟ איז דאָס קול פון אייער מויל,
און איר רייסט די האָר זיך אין שרעק.
„טראָג מיך, אָ, מענטשלעך געשטאַלט,
פון ד'אייגענע אויגן אַוועק!‟

הייזער, אָ, הייזער פון שטאָט!
איין הויז איז דאָס אַנדערע פרעמד,
טירן — פאַרשלאָסן אין מויער —
איך בין אייער גאַסט דורך די ווענט.

א תפילה

האַר !
דורך אַלע דײַנע הימלען בּרעכן זיך די דונערן איבּער
אונזער נאַקן צו דער ערד אַראָפּ
איבּער אונזער לײַבּ — ווײַס און צאַרט ווי אַ לויז געוויקס —
פּאַלט דער האָגל האַרט צוריק.
און ס'איז מײַן קאָפּ, וואָס האָט אײַנמאָל זיך אַ הויבּ געטון צו
דער ליכטיקייט אַרויף,
שטײַן־געבּליבּן פאַר די הימלען אין דער אייבּיקייט געוואָנדט:
האַר, ווי ס'צינדט־אָן דײַן האַנט אַ נעסט פון שטרוי
און ציטערט־אויף די וואָרצלען פון אַן אַלטן דעמב —
שטיי איך נאַקעט פאַרן בּליץ,
אין נס פון מײַנע ציטעריקע רייד —
האַר !

כ'בין פון וואַסערן די שיין

כ'בין פון וואַסערן די שיין, וואָס שנעלערט זיך אין לויף,
און פון בערג די טונקלקייט, וואָס קומט צום טאָל.
די אָפּגרונטן, וואָס כ'עפן אויף, בלייבן פינצטער ביזן גרונט
און כ'ברענג דעם בליץ — אומגעריכט צום אויג.

ס'ליכט פון אַלע שטערן צעפיר איך אין דער נאַכט
און הויער אין דער פינצטערניש די טיפקייט איבער זיי,
אין תהום פון אַלע אָפּגרונטן באַהאַלט איך מיין געזיכט
און כ'ברענג צו יעדן שטראַל די ליכטיקייט אין אים.

אין פייערן — די רויטקייט — גיי איך אום אין פלאַם
און אין גליווערונג — די קעלט — אינם וואַסער פון טייך.
אין ווינטן, די פאַרטראָגענע, צעשווים איך און צעפלי,
און כ'ברענג צו יעדן שטיין די שווערקייט אין אים פול.

גליאיק אייזן מיינע הענט

מיינע הענט — שטיקער אייזן פון מיין האַרץ צעגליט —
קנעטן פאָרמיק פליסיק גאָלד — מיין געדאַנק.
גליווערט קאַלט דער ערשטער פערז,
שוין שמעלצט אַ צווייטער און צעשטראַלט,
שוין קומט אַ דריטער נישט פאַרפיילט,
שוין קומט אַ פערטער רויט צעגליט
פון מיין רודע-האַרץ אַ ליד.

גליאיק אייזן מיינע הענט,
ביז מיין האַרץ וועט זיין פאַרברענט!

ביי פֿרעמדער שוועל

כ'בין אַ ווײַלע שטיין געבליבן ביי פרעמדער שוועל,
אַ בליק געטון אין שטילן הויז פון זאַטער פרייד —
האָט פלוצים אויפגעוואַכט פאַר מיר די אַלטע היים.
מיט קינדערישן פאַרקלעם האָב איך דערזען דעם עלנד
פון מיין אייגן לייב.

מאַמע, כ'האָב פאַרלאָזט דיין האַנט, ביז איך צו עלף יאָר
געווען אַן אַלטער מענטש
און שוין פאַרוואָגלט אין דער פרעמד,
האָב איך — אין הינטער-גאַסן פון דער גרויסער שטאָט —
געהערט די רייד פון שיכורע,
פון אַרבעטער, וואָס טרינקען אויס דעם לעצטן גראָשן
נאָך אַ גאַנצן טאָג פון שווערער מי,
און מאַמעס יונגע נאָך, מיט פיצלעך קינדער ביי דער ברוסט
יאָגן זיך נאָך זיי, נאָך אָט די שיכורע
און מאָנען ברויט!

כ'האָב אויך געלעבט אין דלת-אמותן פון בעטלער-לייט,
געזען דאָס ציילן פון די גראָשנס קופּערנע
און אינאיינעם מיט זיי אַלע אין נאַסע קעלערן געגעכטיקט
אויף דער ערד,

אין מערק האָב איך זיך אומגעדרייט, צווישן הענדלער אָרעמע,
געהערט דאַס דינגען זיך פון איינעם, וואָס פאַרקויפט
אַראָפּ פון זיך
דאָס לעצטע פון זיין אויסגעצערטן גוף

מאַמע, איך, דיין קינד, אַן עלף-יעריק יינגל, בין אַרויס
פון שטוב
און זיך אומקערן נישט מער געקענט,
ווייל כ'האַב געזען ווי מיינע ברידערלעך וואַקסן העכער
פון דיין קני'

און דיר ווערט שווער דער עול מיט מיר,
בין איך אַוועק אין פרעמד,
געמיינט, אַז פון דער וואָגלעניש וועל איך נאָך קענען לינדערן
אַמאָל דיין ווי'

צום סוף האָב איך זיך אויסגעפלאָגט אַ וועלט,
און ערשט צו זיבעצן יאָר זיך שרייבן אויסגעלערנט
און דערזען פאַר זיך אַ שיין,
וואָס איך וואָלט, מאַמע, דיר דערציילן נאָך געוואָלט, ווען דו
זאָלסט, מאַמע, כ'יך פאַרשטיין

צוריק צו מיין קינדישער רו

דער עול אויף מיינע אַקסלען טראָגט דורך ווינטן אום מיינע שווערע
הענט, ווי בלינדע פייגל ביי דער ערד.

ווו מיינע פיס זאָלן נישט טרייבן מיך,
קום איך אַליין צריק צו דעם הויז,
צום הויז, ווו מיין וויג האָט פאַרוויגט זיך דאָרט
אין טונקל־פאַרנאַכטיקע שעהן.

ווו מיינע אויגן זאָלן נישט פירן מיך
צו וועגן צו אַלע פאַרפירט,
ברענגען זיי מיך צו דעם הייזל דאָרט.
ווו מיין קינדישע האַרץ איז פאַרוויגט.

מיין פנים — צעקנייטשט און צעקנאָטן שוין,
מיין מויל — פאַרהאַקט אינם צער
ציט מיך פאַרמאַטערט שוין צריק אַהיים
צריק צו מיין קינדישער רו.

דער עול אויף מיינע אַקסלען טראָגט דורך ווינטן אום מיינע שווערע
הענט, ווי בלינדע פייגל ביי דער ערד.

דאָ אונטערן דאַך

דאָ אונטערן דאַך, וואָס איז געליגן נידעריק איבער אונזער קאָפּ,
איז מיין בעט געשטאַנען
און פון אַלע ווינקעלעך פון שטוב האָט די וואַרעמקייט איבער מיר גערוט,
מיין טאַטע איז נאָך ייִנג געווען, נאָר ס׳האָט די מאַמע זיך געעלטערט פאַר דער צייט,
פלעג איך באַגינען זיך אויפכאַפּן מיט ווייטיק אינם האַרץ:
פאַרוואָס זענען אונז די שכנים פון דער גאַס מקנא?
און פאַרוואָס שטייט קרום דער פּלויט נאָך אַלץ פאַר אונזער הויז?
דאָס לעמפּל נישט פאַרלאָשן איז אויפן טיש געשטאַנען
און אין סקריפּענדיקער וויג האָט די מאַמע ס׳ייִנגסטע קינד פאַרוויגט,
און אַז דער טאַטע פלעגט אויפשטיין, מיט זיין אָפּגעצערט פאַרדאַגהטן געזיכט,
און זיך אָפּגיסן די הענט, די פון שלאָף שוין אויסגערוטע הענט,
פלעגן מיטרעדן די ווענט אין תפילת־הבוקר מיט זיין קול:
פאַרוואָס זענען אונז די שכנים פון דער גאַס מקנא?
און פאַרוואָס שטייט קרום דער פּלויט נאָך אַלץ פאַר אונזער הויז?

האָב איך זיך אַ געלעגער ווו געגרייט

האָב איך זיך אַ געלעגער ווו געגרייט אַחוץ אויף הוילער ערד,
וואָס וועט צונעמען מיין גוף
און אָפּנעמען די לעצטע וואַרעמקייט פון מיר?

דאָס האַרטע ברויט, וואָס כ'האָב אויפגעבראָכן צום מויל,
איז מיט ליימיקער פאַרזעטיקונג אין מיר געפאַלן.
און פרי, פון זיך אַליין, האָט מיין פּנים זיך געגרינט,
געגעלט —
אַ פרוכט ווי יעדער ערדישער געוויקס.
שטיין, וואָס קרישלט זיך אין רעגן, איז די הויט אויף
מיינע פיס געוואָרן,

און תמיד מיט דער האַרטקייט אין די קניען,
בין איך געווען אויף וואָגלעניש אין מדבר פאַרפירט.
די אויגן מיינע — וואַסערן פון ווייטע ימען —
האָבן מיך געטראָגן פון די אָפּגרונטן אַרויף,
ביז כ'וועל אומקערן צוריק אין די אָפּגרונטן פון זיי.

האָב איך זיך אַ געלעגער ווו געגרייט אַחוץ אויף הוילער ערד,
וואָס וועט צונעמען מיין גוף
און אָפּנעמען די לעצטע וואַרעמקייט פון מיר?

ה ו נ ג ע ר

I

אַנדערע ווי איך זענען שטום אין טעג פון אויפגעבראַכטן צער,
ברענגען אויף די ליפּן נישט אַרויף דעם וויי,
וואָס גייט אַרום אין בלוט — אויפגעדרייט אין ד'אָדערן פון לייב, —
בין איך דער איינציקער, וואָס קאָן נישט שווייגן.

אַרויסגיין מיט ווערטער צעשריגענע אין טויער ווייט,
ס'זאָל דאָס קויל מיינס צעריקפּאַלן דאָ,
און מיט אויפגעציטערטער שאַרף שטייף בלייבן אין האַלז
נישט פון קיינעמען געהערט —

בין איך דער איינציקער, וואָס קאָן נישט שווייג.

II

פיל פון מיינע ברידער דאָ
זענען אין די טעג ווי בערג גרוי אויפגעגאַנגען,
מחנותווייז פאַרלאָזט די היים.

ווינטן — אָפּגעריסן מיט די זאַמדן פון דער ערד,
האָבן אָפּגעקערט פון זייערע פיס

און געבליבן הענגען אויף צעוויגטעביימער אינם פעלד.

האָט איר געזען די פּנימער פון פרויען,
אויסגעבלייכט אין טאָג,
שטיין בלייבן ביים זייט פון וועג?
ווי איינע איז פאָרויס געלאָפן
מיט אַן אַרונטערגעלאָזענער טוך, ברעכנדיק די הענט גערופן
אין דער ווייט;
— עזריאל, עזריאל, —
און נישט געלאָזט זיך אומקערן אויף צוריק?

פיל פון מיינע ברידער דאָ
זענען אין די טעג ווי בערג גרוי אויפגעגאַנגען,
מחנותווייז פאַרלאָזט די היים.

III

פייגל ציען — ווייס אַראָפּגעריסן פון דער הויך,
אַזוי נידעריק געצויגן מיט די העלזער צו דער ערד,
אפשר איז נאָך ווו געבליבן שפּייז
פאַרן הונגעריקן האַרטן מויל?

ס׳דרייען ליידיק זיך די ווינט־מילן אינם ווינט.

זקנים קומען אָן מיט די וועגן פון דער שטאָט,
און מיט צונויפגעלייגטע זעק
צו בייזע דערפער נאָך אַביסל מעל.

די תבואה האָט מען אויפגעזאַמלט פון דער ערד,
אָפּגענומען און פאַרטראָגן פונם לאַנד —
טוליען זיך די פעלדער איצט — ווייט פאַרשניטן,
ווי שעפּעלעך געשוירענע אין קאַלטן האַרבסט...
ווער זשע ווייסט דען, ווער, פון די סטויגעס קאָרן דאָ,
די פאַרטראָגענע פונדאַנ'ן?

ס'דרייען ליידיק זיך די ווינט־מילן אינם ווינט.

IV

די הייזער שטייען — לאָם, ווי פערד, די פעל אַראָפּגעשונדן,
מיט די ציגל — רויט אָפּערגעשטאַרצט פונם טינק דעם
אָפּגעריסענעם פון זיך
און זינקען אַזוי נידעריק צו דר'ערד.

ס'עט אַוודאי דאָ אַרויסגיין ווו אַ מאַמע פון אַ טיר אַן
אויפגעריסענער
און מיט פונאַנדערגענומענע הענט אַ געשריי טון אין דער גאַס:
מיר גייען אויס!

וועט אין אָנלויף זיך צונויפדרענגען די גאַנצע שטאָט
און מיטן נייגיר אין די אויגן באַוואונדערן איר הונגער־משוגעת.
— ווער?
אַז דער טאָג האָט מיט דער מאַטקייט פון די שטיינער זיך געלייגט
היטן די שטילקייט פונם דורכגייערס טריט,
האָט קיינער נישט געוווסט פון פּיין, פון פאַרשלאָסענעם אין
יעדן הויז.

ט

אַ ברויטל פון שוואַרצן מעל, וואָס האָט נישט דערוויגן צוויי פונט אַפילו,
האָט מיין טאַטע פאַר דעם גאַנצן הויז־געזינד אויף אַכט חלקים אויסגעטיילט —
אַן אָנבייסן פאַר אונז.

און אַז ס׳האָט די מאַמע אין דער שטיל אָפּגעגעבן איר חלק ברויט
די יינגסטע פון איר לייב,
פאַר די מיט ווייכע ביינדלעך נאָך, וואָס זענען געקראָכן אויף דער ערד
און אַליין פון שוואַכקייט געמוזט זיך לייגן אינם בעט —
זענען מיר, די עלטערע פון שטוב, צוגעשטאַנען צו איר:
מאַמע, עס אַליין, מאַמע!

גאַנצע טעג זענען מיינע ברידערלעך געזעסן ביי דער מאַמען אויפן בעט,
האָבן אירע זאָרגן אויפגעזויפּט ביי זיי אין בלוט,
פון אירע רייד זענען אַלט געוואָרן זייערע פּנימלעך און געל,
און נישט געגלוסט האָט זיי זיך מער לויפן שפּילן אויפן הויף.
זענען זיי נישט איינמאָל אָן דער מאַמעס ווילן אַוועק
אין די גרויסע סקלאַדעס פון האָלץ
שפּענער קלויבן אין אַ זאַק,
שפּעטער זאָל די מאַמע אָפּקאָכן אויף נאַכט־עסן קאַרטאָפל אַ פּאָר
פאַר אַלעמען פון שטוב,

אין גרויען אויפדערנאַכט האָט די מאַמע ס׳האַרץ זיך אויסגעבלאָזן

אינם קאַלטן פייער פון דער קיך די שפּענער צו דערברענען
און נישט געקאָנט מיט אויפגעשוואָלענע אָדערן אין האַלז
דערוואַרעמען ס'קאַלטע וואַסער אינם טאָפּ.
זענען די ברידערלעך מײַנע ווי לויזע זעק צוגעפאַלן צו אירע פיס
און אַזוי אײַנגעשלאָפן אין די קליידער אויף דער ערד.

VI

אַז די שווערע האַנט דער נויטס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט
אויף אונזער קאָפּ.
זענען אַלע מיר — ווי פויגל אויפגעשווידערטע אין שרעק —
צעלאָפן פון דער היים.

מײַנע שוועסטערן — יונגע מיידלעך נאָך, מיט ווייסע צאַרטע הענט,
מיט צוגעקעמטע גלאַטע האָר, פאַרפלאָכטענע אין שוואַרצע צעפּ —
האָבן זיך פאַרדונגען אין דער פרעמד,
הינטער טירן פון אַ פרעמדן הויז.
מײַנע ברידערלעך זענען נאָכגעלאָפן וועגענער אין גאַס
און נישט אײנמאָל ביים אַראָפּכאַפּן אַ שטיקל קויל,
אַ שטשאַפּע האָלץ,
אַ שמיץ געקריגן פון אַ בײַטש,
אַז ס'זענען זיי אויפגעלאָפן די פּנימער און הענט
מיט בלויע ריטלעך — אָדערן פון בלוט.

מײַן טאַטע איז אַוועק אין אַ שטאָטישן שפּיטאָל
און מײַן מאַמע האָט דעם צער מיטגענומען,
פאַרשלאָסן אין דער ערד.

VII

און וויפל הייזער זענען שטיין געבליבן ווי אונזער הויז,
ווי ס'הויז פון אַלע קינדער די פון אונזער היים?

די שטומע ווענט, די וואָס טראָגן אין די ריפּן־ביינער פּראָכנע האָלץ,
האָבן די פייכטע באַלקנס אויף די אַקסלען נישט דערטראָגן
און שוואַרץ אַרויסגעדעמפּט פון זיך דעם טרויער.
האָט אויפגעהויבן אַ מגפה זיך אין לאַנד,
פול געוואָרן זענען אַלע הייזער מיט פולע העלזער צום געשריי,
אין די נעכט האָבן טירן פון די ריגלען זיך געריסן,
ליכט — אויפגעציטערט אינם חושך: שרעק —
האָט מען אָנגעצונדן פאַרן טויט.

בייטאָג זענען פערד געפאַלן אין דער גאַס,
מיט צונויפגעקלאַפּטע פיס צו די שטיינער אויפן בריק.

מאַמעס, די, וואָס זענען נאָך געבליבן מיט די קינדער
ביי דער וויג,
האָבן זיי טויטערהייט פאַרוויגט.

און וויפל הייזער זענען שטיין געבליבן ווי אונזער הויז,
ווי ס'הויז פון אַלע קינדער די פון אונזער היים?

VIII

פון אויסגעליידיקטע שטובן האָט מען קראַנקע פון די טרעפּ געטראָגן
און מיט דער אויפגעפלאַמטער היץ — אין אַ פאַרמאַכטער פור
צו ווייסע בעטלעך פון שפּיטאָל געבראַנגט.

זענען די קינדער פון אַ מאַמען אָנגעלאָפן צו די אייזערנע
טויערן פון די הויכע ווענט
און זיך געשלאָגן מיט די הענט אין קאָפּ:
— עפנט אונז, עפנט אונז,
לאָזט אונז קומען פאַר דער מאַמעס בעט!
לאָזט אונז אָנזען איר געזיכט!
עפנט אונז, עפנט אונז! —
באָר דאָס פייער, וואָס האָט אָנגעצונ׳ן זייער מוטערס לייב,
האָט שוין געברענט אין די מלבושים אונטער זיי
און מיטגענומען דאָס געבעט אינם רויך פון די אויסגעהייצטע
קוימענס פון שפּיטאָל.
אויף דער גאַס, וואָס האָט שוין דאַמאָלס מיט דער נאַכט זיך
אויפגעלייגט,
און מיט דער שיפקייט פון די דעכער צו דער ערד נידעריק געפאַלן,
זענען די קינדער ביי אַ פרעמדער שוועל געבליבן איינגעקנוילט,
איינגעדרימלט אין געוויין.

IX

זייט מיין טאַטע — אויסגעטון פון אַלע עולן,
אַ הויכער ייד, דאַר, מיט אויסגעשפּיצטע ביינער,
טראָגט דאָס פּנים אין דער זוניקייט פון טאָג — געל,
מיט גרינע קנייטשעלעך ביים מויל.

אין הויז, ווו מ׳האָט די שטרוי-זעק פאַר דער טיר פאַרברענט אין אַש
און די בעטן ווי גריבער אָפענע געלאָזט —
איז מיין טאַטע אומגעגאַנגען, אויסגעטון די שיך,
דעם קאָפּ אַזוי פאַרהויבן אין דער זייט,

פאַרטראָגן פון דער ערד,
פון זיך אַרויס פאַרטראָגן אין דער וועלט,
האָט ער די אויגן זיינע איבער אונז געווענדט,
איבער אונז, איבערן שארית המגפה פון זיין הויז.

מיט וואָס וועלן מיר זיך צודעקן די נאַכט?
מיט וואָס וועלן מיר זיך זעטיקן צום שלאָף?

X

די לאָדן פון אונזער שטוב זענען ווי שערבלעך אויף אויגן
פון אַ מת,
גאַנצע טעג געווען פאַרמאַכט.

אַריינגיין אין דער פוסטקייט,
אַ בליק טון אויף די הפקרדיקע קלומפּן פון דער ערד
און אויפרייסן די טירן פאַר דער זון,
וואָס וואַקסט אַזוי אין טאָג —
האָט זיך קיינעם נישט די האַנט געדרייסט.

זענען די שטאַנגען-אייזן אויף די לאָדן מיט זשאַווערן פאַרשוואָלן,
געהאַלזט די פינצטערניש פון הויז
אין דער בלינדער ליידיקייט—פאַרהאַקט.

די מאַמע איז שוין טויט
און וועט נישט צריקקערן מיט די קינדער מער
זיך זעצן אויף דער ערד, פאַרגרינגערן דעם פּײַן
און ס'וועלן אינם צער נאָר הינט פאַרהונגערטע

אומלויפן וואָיען אין די נעכט, ווי די קינדער אָן אַ היים,
פאַר אונזער הויז.

XI

שטום, ווי שטום עס ליגט אַ שטיין ביי די טויערן פון די הייזער
אין דער גאַס,
זענען שטום געוואָרן אַלע פנימער פון די מענטשן אין דער
אויסגעבלייכטער שרעק.
יעדנס האַרץ, דאָס האַרץ, וואָס האָט אין יעדערן געקלאַפּט
און נישט איינגעטויבט געווען מיט דער טעמפּקייט פון די
הייזעריקע רייד,
האָט צוגעזען ווי בלינדע פערד באַהאָנגענע מיט אַלטע זעק,
האָבן אין אַ שוואַרצן אָרון שווער געשלעפּט די בר-מינגס
פאַר די נידעריקע הייזער דורך די שמאָלע געסלעך
ביזן פרייען פעלד.

יינגען — ריזן, אַזעלכע, וואָס וואָלטן זיך אין וועגענער געשפּאַנט
שלעפּן משאות מיט די פערד צו גלייך,
זענען דאָ געלעגן — קראַנק, מיט געלע דאַרע הענט
און מיט דיקע אויפגעלאָפענע פיס
ביז די אויגן פונם קאָפּ.

אין אַ ווינקל פון דער צווייטער גאַס האָבן פייגעלעך געטאַנצט
מיט דינע פיסעלעך,
אַרום אַרומגעריסענע קנאָכן־ביינער, פאַרשלעפּטע פון ערגעץ־ווו
און הונגעריק געפּיקט די פייכטע ערד.

XII

אפשר זענען זיי געׂרעכט געווען, אַלע די, וואָס האָבן ווי אַ פלייץ
אַ ריס געטון זיך פון אָרט
און אַלץ אויף הפקר דאָ געלאָזט.

דערפער זענען אָפּגעברענט געוואָרן,
און מיט דער טריקעניש אין גראָז האָט דאָס פייער זיך פאַרנומען
לינקס און רעכטס, לינקס און רעכטס,
און שוואַרץ־פאַרסמאַליעט זענען ביימער ענצעלנע געשטאַנען
געלאָשענע אין ווינט.

קלעפּ, —
שווער און אימהדיקע קלעפּ זענען אומגעגאַנגען אין דער ערד
אָפּגעהאַקט און טעמפּ
און געבליבן צוגעהאַמערט אינם גרונט,
האָבן ווייבער — אַלטע און זקנים מיט אויפגעוויינטע בערד
צעשויבערט
ווי גרויע פייגל, אויפגעטריבענע מיט שאַרפע פליגל אין דער לופט,
פאַרהאַקט די לעצטע טירן אינם פוסטן מאַרק
און געאיילט מיט שווערע פלאָנטערנדיקע טריט אין אַ באַהעלטעניש
פאַר זיך,
פאַרן לעצטן אָטעם אינם האַרץ.

אפשר זענען זיי געׂרעכט געווען אַלע די, וואָס האָבן, ווי אַ פלייץ
אַ ריס געטון זיך פון אָרט
און אַלץ אויף הפקר דאָ געלאָזט.

XIII

דאָס וואַסער, וואָס איז געגאַנגען אָפּגעריסן פונם ברעג
און מיט דער איילעניש אין טייך — געפּלייצט,
האָט דורכגעמיטן די ליידיקע בערלינקעס אויף לויזע שטריק.

אַנטקעגן, אויף יענער זייט פון טייך, ווו דער ברעג האָט זיך ווייך
מיט דער געלקייט פונם זאַמד
ברייט און אָפן פאַרן אויג געלייגט —
זענען די הייזער ווי אין שרעק געלאָפן איינס אויף ס'אַנדערע צוריק
צום שווערן באַרג.

אַלע פעלדער זענען פול געווען מיט מענער — פינצטער אין די נעכט
די ביקס פאַרבאָרגן אונטער זיך, זענען זיי געקראָכן אויף די הענט
און געפאַלן מיט דער פינצטערניש באַהאָפטן צו דער ערד..

איז דער טויט פון אַ מאַן נישט אויפגעקומען אינם חלום פון
זיין ווייב
אַז זי אַ נאַקעטע איז אויפגעשפרונגען אונטער די נידעריקע ווענט
פון איר ענגער שטוב
און פאַרנומען אַלע קינדערלעך צו זיך אין בעט
און געטוליעט זיי מיט פחד צו איר לייב?

XIV

די נאַכט וועט אויפהייבן איר פנים פון דער ערד,
זען ווי די גאַסן ליגן שוין פאַרחלשטע צעלייגט,
די מיילער ביי די ראָגן פון דער שטאָט, ווי מיט די ציין פאַרהאַקט —
נישט צו טרינקען מער די לערקייט פון פרימאָרגנס ווייסער קעלט, —
וועט זי אָפּקערן פאַרביסן אין דער זייט — פרירט!

ווער וועט האָדעווען אַ קינד, אַ יתומל אַ קליינס,
וואָס שטרעקט די הענטלעך צו אַלעמען,
פון יעדער ברוסט צו זייגן גרייט ?

ווער וועט האָדעווען אַ קינד, אַ יתומל אַ קליינס ?

אַז פרעמדקייט פלאַטערט דאָ — אַ קראָ אַ פאַרבלאָנקעטע —
מיט שוואַרצע פליגל אינם פריען טאָג
און וועט אַזוי נישט אָפּשטעלן זיך אפילו אויף אַ בלעך
פון ערגעץ־ווו אַן אָפּגעריסענער.

ווער וועט האָדעווען אַ קינד, אַ יתומל אַ קליינס ?

XV

פון די דעכער שטייגט דער טרויער אין דער גרויקייט פונם טאָג.
ווער זשע זעט דען, אַז ביים פלויט דאָרט זיצט מיין ברודערל
אַ קראַנקס ?
זיינע הענטלעך זענען האָלץ שוין אויסגעטרוקנט און פאַרגעלט
און דאָס פנימל ווי קרויט — אויפגעפאַלדעוועט און לויז. —
אָט וועט ס׳גופל באַלד צעפאַלן
און ווערעם וועלן זיך צעקריכן פון זיין בויך.

ס׳גלאָצט די בלינדקייט פון די פענצטער דאָ אַרויס
און די גאַסן זענען וויסט, אויפגעלאָפענע און וויסט,
מיט די פנימער פאַרדרייט צו די פעלדער פון דער שטאָט. —
ווער זשע וועט דעם וועג פאַרהאַלטן, די מגפה אין איר גאַנג ?
אַז זי שפּאַנט פון אַלע שוועלן. לאָזט אין יעדן הויז אַ מת.

שטייען אָפן אַלע טירן פאַר די הוילע ווענט
און דערווינט שפּרייזט דורך זיי און שרייט:
קיינער זאָל קיין ליכט נישט אָנצינד'ן ביים צוקאָפּנס פונם טויט.

ווו זשע זענען אַלע אויגן צו דערזען זייער צער?
צו דערזען אַ ברודערל אַ קראַנקס, וואָס טוליעט זיך ביים פּלויט,
צונויפגעדרייט ווי אַ קאַץ.

פון די דעכער שטייגט דער טרויער אין דער גרויקייט פונם טאָג.

XVI

דאָ פאַלן פון די פיס די מויערן און גייען ענגער זיך צונויף —
יעדע וויל דאָס האַרץ אונטערלענען מיט דער האַנט,
ס'זאָל די שרעק — אויפגעריסן אינם ווינט —
נישט ווידער אומקערן פון ווו.

פון דאָרט, פון וואַנען ס'האָט דאָס דונערן אַ גאַנצע נאַכט געקלאַפּט
און שטיל געוואָרן מיטן גרויען פונם טאָג,
איז דער הימל מאַט אַראָפּגעפאַלן, אין אַ נעפּל זיך צעלייגט,
שלאָגט אַ פייכטקייט פון די ווענט אַרויס, פון די גרויע,
אויסגעקרומטע ווענט
און ווי אויסגעוויינטע נאָך דער רעגן-ראָסע קורטשען זיך
די שטיינער אין דער ערד.
אַ מענטש זאָל ווייזן זיך אין גאַס,
וואָלט אַ קויל אים דורכגעריסן פאַרן אויער
און ער וואָלט צוגעפאַלן צו דער וואַנט מיטן גאַנצן לייב אין איר. —
— ?

הוזשעט זיך די שטילקייט נאָר — אויפגעוויגט אין די לויזע דראָטן
פון דער הייך —
ס'איז אַלץ אַרום פאַרהוילן פונם אויג.

XVII

צו וועלכע וועט זיך ווענדן אויף אַריינגיין איבערנעכטיקן אַ נאַכט?
אַז די פיס האָבן מיט די פעלדער מ'ך פאַרטראָגן
אין אַ וווייט,
ווו ס'הענגען שוין די הימלען צו דער ערד אַראָפּגעהאָנגען
און אָט־אָ־דאָ פאַר די וואַלגערנדיקע ביימער־שטאַמען,
פאַר די פאַרשניטענע אינם אויסגעהוילטן וואַלד,
מיט פיעניעס — ווייס אַפּערגעזעצט פון דר'ערד
וועל איך דאָ וואָגלען זיך בייטאָג, ביינאַכט
און בלויז מיט שוואָמען נאָר אויפגעקליבענע
נאָך אויפהאַלטן מיין לייב.

צו וועלכע וועט זיך ווענדן אויף אַריינגיין איבערנעכטיקן אַ נאַכט?

XVIII

מיט יעדן טאָג ווערט האַרטער אויף מיין לייב די הויט
און דיק.
כ'וועל אויפשטיין אינם האָריקן געשטאַלט ווי כ'בין —
אַ גרוי שטיק ערד.
ווי גרוי און טעמפּ געוואָרן ס'איז אין מיר דער צער
און צריקגיין אין דער שטאָט.

קברים, בערג — ס'פּלייש פון מיינע ברידער
האָט אויפגעיוירן מיט דער ערד — שוואַרץ דעם גאַנצן וועג.
וועל איך צו יעדן קבר דאָ צולייגן מיין קאָפּ
און שרייען:
איך, דער יינגסטער, בין געבליבן לעבן אייך,
איינער לעבן אייך!
ס'קול, וואָס האָט אָפּגעהאַקט אין אייך ביים פאַלן,
וויל אויפגיין אין מיין לייב,
ווי ס'יערט מיט אייך די ערד.
אַז מיינע ביינער זענען נאָך געבליבן גאַנץ,
וועט פיבערן אין זיי די שטומע קעלט פון אייער טויט.

XIX

גראָזן האָבן שוין אָפּערגעשפּראָצט פון אונטער די שטיינער
פון דער ערד —
אויסגעגרינט די גאַסן פון דער שטאָט.

אין פאַרוויסטונג זענען די הייזער ביז די קנעכלען-שוועלן
פאַרזונקענע געשטאַנען אין דער ערד
און איבער ווענט — פון רויך פאַרנומען —
האָט די זון — אַ קיילעכדיקער פלאַם
זיך געטראָגן אין דער הויך,
האָט יעדער מויער — אַזאַ אויפגעשטעלטער גוף
מיט אָפּגענומענע הענט געערעדט:
נעמט, ברענגט אונז מיט די זאַמדן פון דער ערד!
מיר ווילן מער נישט בלייבן דאָ אין פאַרשטיינערונג
מצבות פון אייער צער!

גראָזן האָבן שוין אַפּערגעשפּראָצט פון אונטער די שטיינער
פון דער ערד —
אויסגעגרינט די גאַסן פון דער שטאָט.

XX

זאָלן וואַנדערער אָנקומען אַהער,
אַרויסגיין פון די וועגן, די אויפגעשטויבטע,
מיט גרויע זאַמדן פון דער ווייט
און מידע צופאַלן צו דער ערד —
ביין! אויפשטיין און אַריינגיין אין דער שטאָט.
ס'שטייען הפקר דאָ די מויערן ברייט צעעפנט, פראַנק און פ...
פאַר גרויע הימלען אין די טעג.

מאַמעס זענען מיט די קינדער אויף די הענט
אַנטלאָפן צו די וועלדער אין דער נאַכט
און דאָ האָבן פייערן געברענט,
פייערן אין צאָרן — רויט צעצונדענע אין שרעק.
ווער האָט ראַטעווען געקענט, קראַנקע מיטנעמען מיט זיך?

דעקט אָפּ די מידע פיס, איר וואַנדערער, פון וועג.
איך זע, די קנעכלען אייערע זענען דיק —
פאַרלאָפן מיט די וועגן פון דער ווייט,
דער דורשט אין העלזער דרענגט!
בעמט אַראָפּ די שמאַטעס פון אייער לייב
און שפּאַנט מיט מיר — נאַקעט דורך דער שטאָט —
קיינער וועט נישט צוריקקערן חוץ אונז!

מיין שוועסטערס טויט

א

אַוודאי איז דיר גרינגער שוין און ס'פּינצטערט מער דיין פּנים נישט
פאַר אונזער שאַנד.
איין מוטער האָט אונז אַלעמען געהאַט
און אַלע זענען מיר פּאַרטוליעט אויף איר האַנט
געלעגן קראַנק.
דיין פּנים וואָס איז ווייסער נאָר געווען,
און יונג אַזוי צעשיינט,
האָט נישט דערבליט די פולע דרייאונצוואַנציק יאָר
און דו ביסט אָפּגעפאַלן פון אונז, ווי אַ צווייג,
ווען אַ דונער שלאָגט אין בוים.

די בלייכקייט אונטער וויעס איז אַלעמאָל דער אָנזאָג פונם צער
און די פינגער פון די הענט ברעכן זיך אין טרוקעניש ווי האָלץ.

דערפאַר זענען טונקעלער די אויגן מיר געבליבן פון דיין
פריען אָפּקערן פון אונז
און דאָס האַרץ, וואָס איז אויפגעבונג'ן געווען מיט מיר
דורך אָדער־פעדעם פון דער מאַמעס לייב געקניפּט,
קען אייביק זיך נישט אָפּרייסן מער און בלייבן טויט,
פאַרשאָטן פון דער ערד

ב

דער טויט, וואָס לאָזט אַ וואַנט אַן אָפענע פאַר יעדן מענטש,
בעת ער קומט און גייט אַוועק
איז אויך פאַר אונזער הויז פאַרביי
און אומגעזען, ווי דער ווינט, אַ וויש געטון מיין שוועסטערס
אויסגעבלייכט געזיכט
אַז זי איז שוין געבליבן שטום פאַר אונזער צער.
קרום האָט זי דעם קאָפּ אַראָפּגערוקט צום רעכטן אַקסל
און בייז פאַרשעמט פאַרדרייט דאָס מויל,
די אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט
און דער האַלז, וואָס איז אַ צירונג ביי דער פרוי, בעת זי האַלט
אויפגעהויבן דעם קאָפּ,
האָט זיך איינגעצויגן און דין געוואָרן, ווי צעיוירן טייג.

פון אַלע נעכט, וואָס די היץ האָט דאָס לייב אירס דורכגעבריט
און מיט דעם אָנגעצונדענעם דורשט אין האַלז
איר אויפגעריסן פונם שלאָף,
אַז זי אַ נאַקעטע איז אַראָפּ פון בעט
צו זוכן וואַסער, מיט ציטעריקע הענט אין די ווינקעלעך פון שטוב,
איז דאָס געווען די לעצטע שוין פאַר איר,
די לעצטע נאַכט,
און אויפן בלאַט פון איר יונג-פאַררּיסן לעבן
האָט זיך אויפגעקריצט מיט שוואַרצן קאַנטיקן כתב:
שנת תרפ״ג יום כ״ג באדר.

ד

האָט מען דעם שטאַרן גוף מיין שוועסטערס, ליימיק־שווער,
אָפּגעהויבן צו דער ערד,
צונויפגענומען די גראָבע פינגער פון די פיס מיט אַ קשר־קניפּ
פון שטרוי,
פאַרדעקט איר לייב מיט מיין טאַטנס אָפּגענוצטן מלבוש,
וואָס איז פון יאָרן זיך געהאָנגען אין אַ ווינקל ביי דער טיר —
האָבן אַלע שויבן אין די פענצטער זיך געבראָכן פון געשריי.

און אַז די דיקע ווענט פון שטוב האָבן זיך צונויפגערוקט
פון די הייזעריקע קולות און געוויין —
האָט מיין טאַטע נישט געפונען זיך קיין אָרט,
איבער אַלעמען געהויבן זיין גערונצלט פּנים און געקוקט,
געשוויגן און געקוקט.
זענען די נשים זיך צעגאַנגען פון דער שטוב, די הענט
פאַרבראָכן צו דער ערד
און געלאָזט מיין שוועסטער ביים קאָפּ צוויי ברענענדיקע ליכט, —
האָבן אויך די פלעמלעך זיך געוואָרפן און געריסן פון דער קנויט
אינאיינעם מיט די הייזעריקע קולות אין דער גאַס.

— — — — — — — אין האַלבער נאַכט
האָט מיין טאַטע זיך אַרומגעדרייט אין דער גרויסער
ליידיקייט פון שטוב,
איינגעצויגן אין זיין לויז־געוואָרענעם כאַלאַט,
מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, געקלאַפּט, ביי יעדן טריט געקלאַפּט,
ס׳זאָלן די שטשורעס, די וואָס לויפן אום איז אונזער הויז,

נישט שולט זיין מיין שוועסטערס לייב,
ס׳ווייסע לייב פון פרישן בר־מינן,
וואָס איז געלעגן אויף דער ערד מיט די פינגער פון די פיס
אויפגעשפּיצט אַרויף
אַנטקייגן טיר —
און נישט געהערט שוין מער אינם אָטהילך פון די שווערע טריט,
דעם גרויסן עלנד פונם טאַטן.

ד

כ׳לייג מיך אַלעמאָל אַנידער ווו דו ביסט דאָ געלעגן אויף דער ערד
און פאַרדעק דאָס פּנים מיט די הענט.
שוועסטער, כ׳וויל אייביק נאָך אויפהויבן דיין האַנט,
וואָס איז אַראָפּגעפאַלן און געבליבן הענגען ביי דעם בעט.
שוועסטער, כ׳וויל אייביק נאָך אָפּדעקן ס׳פּנים דיר
און אָוועקשאַרן פון ד׳אויגן דיינע האָר.
און איינמאָל, איינמאָל, איינמאָל נאָך אַ קוש טון דיר אין קאָפּ
און זיך צוטוליען צו דיר,
ווייל דאָס בלוט, וואָס האָט געקלאַפּט ביי דיר אין האַרץ,
איז נאָך וואַרעם אין מיין לייב.

הויב אויף דיינע הענט

הויב אויף דיינע הענט און בענטש ליכט,
פיר איבער די פינגער דריי מאָל אין קרייז
און די אויגן די פרומע מאַך צו.

איך בין דיין האַר און דיין מאַן,
און פאָטערלעך טראָג איך די פליכט איבער דיר.
דאָס ברויט, וואָס איך ברענג פאַר דיר אין מיין הויז,
איז ווייס און געבייטלט פון פרישן געמאָלענעם מעל,
און זיס איז דאָס וואַסער פון קוואַל,
וואָס כ׳שטעל אין אַ דייזשע פאַר דיר ביי דער טיר.

פאַר דיר הויב איך אויף מיינע הענט צו אַ לויב,
פאַר דיר, פאַר דער זאַטקייט
און פאַר אונזער געאייגנטן גליק.

די רייד פֿון דער באָבע

וואָס פֿאַר אַ חשיבות קען שוין האָבן די טרייסט און דאָס אַלץ,
וואָס אַ מענטש נעמט זיך פֿאָר,
אַז וואָס זאָלסט נישט זען, איז נישט מער, ווי אַ בלענדונג
צו מינען די שיין פֿאַרן אויג.
און דאָס לעבן לאָזט איבער נאָר אַ וויסטקייט נאָך זיך, ווי אַ שנײ
נאָך אַ רעגן צערינט.
אָט, ווי די קאָרע פֿון שטאַם טיילט זיך אָפּ, און ס׳קומט די
צעפֿוילונג צו אים פֿון דע ערד
קומען אויך טעג אויף דער עלטער צום מענטש און מאַכן אים
שווערער צו שטעלן זיינע פֿיס.
אין גרוי פֿאַרזילבערן—ווייס די האר אויף זיין קאָפּ, ווי אַ פֿראָסט
אויף אַ בוים זיך פֿאַרציט.

און ס׳טענהט ווייטער די באָבע:
יאָרן, ווי פֿינצטערע נעכט, ווערן העל, ווערן ליכטיק, ווי טעג,
ווען דאָס האַרץ איז געזונט
און ס׳דינען די הענט נאָך צו קנעטן דאָס ברויט און וועש נאָך
צו וואַשן פֿאַר זיך,
ווײל די טרייסט פֿון אַ קינד, איז די טרייסט נישט, וואָס לינדערט
די קעלט און די ביינער ביי זיך,
און די מישונג, וואָס קלויבט זיך אין קאָפּ, ווי נעפּלען די הימלען
פֿאַר רעגנס פֿאַרציי׳ן —

תמיד מיט אייגענע קינדער צו זיין, איז דען זיסער, ווי
א וואָרים עסט זיך אין כריין?—
און ס׳מאַטערט דער שלאָף פון אויף-זיין אין נעכט אויף
דער עלטער ביי קינדער אין דינסט.

און ס׳טענהט ווייטער די באָבע:
ס׳לעבן ווערט אָפּגעלעבט — שנעל, ווי אַ ווינט זיך פאַרנעמט
מיט פויגלען און פליט,
און פאַרציט יעדן שליאַד, אַז דער צוריק-גאַנג בלייבט אָפן און לער
מיטן אויג נישט צו זען
און ס׳דאַכט זיך דיר: וואָס? ביסט געבוירן אַצינד, און ערשט
איצט איז פאַרביי דער חלום פון אַלץ,
און ס׳טונקלען די אויגן פאַר פרייד און פון ליכט און פון אַלץ,
וואָס דיין האַרץ האָט דורכגעפילט זיס —
די בלענדונג פון פנים פאַרציט — און אָט, ביסטו ווידער
אַ קינד און וווּנדערסט זיך אַלץ
ווי דאָס וואַסער, וואָס שעפּסט אָפּ פון ברונעם, קומט צוריק
צו דער שטייגערונג פול ווי געוועז.

און ס׳טענהט ווייטער די באָבע:
וואָס פאַר אַ חשיבות קען שוין האָבן די טרייסט און דאָס אַלץ,
וואָס אַ מענטש נעמט זיך פאָר?

אַ בוים אַן איינציקער אין פעלד

די שוואַכקייט האָט זיך ווי דאָס ליים געלייגט
צו די קנעכלעך פון די פיס
און האַלט זיי ווי אַ געוויקס אין דער ערד געוואָרצלט —
אָפּגעשניטן פונם ווילן אין מיין לייב.

זאָל איך, אין זומפּ דאָ, בלייבן שטיין אַזוי — אַ בוים
אַן איינציקער אין פעלד
און ס'זאָל דער קאָפּ, שווער ווי אַ צווייג —
איינגעבראָכן און אַראָפּגעהאָנגען צו דער ערד
זיך וויגן אויף אַ הוילן שטאַם
אַזוי־אָ־וויסט,
ווי ס'ציען זיך די הענט ביי מיר צו דער ערד אַראָפּ
און וואָלקנס זאָלן אומגיין ווו זיי גייען אינדערהויך
איבער מיר, איבער אַלע מיינע שווערע יאָר.

די שוואַכקייט האָט זיך ווי דאָס ליים געלייגט
צו די קנעכלעך פון די פיס
און האַלט זיי ווי אַ געוויקס אין דער ערד געוואָרצלט —
אָפּגעשניטן פונם ווילן אין מיין לייב.

ווי אין אַלע תּהומען

ווי אין אַלע תּהומען אין די טיפע פון דער ערד,
זעצט זיך די פינצטערניש ביים סאַמע גרונט.
דעם קאָפּ פאַרבאָרגן אין דער שויס
אויסבאַהאַלטן פונם אייגענעם געשטאַלט —
קאָן איך דעם טרויער פון מיין האַרץ
נישט אויפברענגען פון זיך.

ס׳בלוט, וואָס גייט אין מיינע אָדערן צונויף —
שרייט:
שייל אויס פון זיך די נישט געשטאַלטיקונג,
די פינצטערניש וואָס פלייצט,
די פינצטערניש פון זיך.
— שווייג! —
האַקט אָפּ דער אָטעם אין געשריי
און ענטפערט אָפּ:
די גרויע שרעק, די אויפגעזאַמלטע
פון אונטער מיינע ציטעריקע נעגל פון די הענט
קאָן נישט דערלאַנגען צו דער פרייד.

שפּרייט טיפער זיך דער תּהום פון אונטער מיין געדאַנק
און רייסט נידעריק דאָס האַרץ צום גרונט.

אומזין פון וואָרט

איך האָב נישט צו ווענדן זיך מער ווי צו דיר, אומזין פון וואָרט!
אין דיר ליגט דער צער און דער אויסלייז פון פיין אין מיין האַרץ,
מיין גורל איז אָנפאַרטרויט דיר, אין דיר ווערט מיין גוף
פאַרצערט דורכן קול.

מיין קאָפּ, וואָס איז פול שוין, ווי טונקעלע היילן מיט שרעק,
און מיין בליק, וואָס איז גרין, ווי דאָס גרינלעכע פייער פון בליץ,
וויל אויפגיין פון אומהיימלעך לייב, פון פרעמדן און אייגענעם פיין
און שלאָגן די הענט זיך צונויף צום אייגענעם האַרץ אין געשריי.

וואָס קאָן דען נאָך גיצטערער זיין, ווי דער אָפּגרונט, וואָס
עפנט זיך אויף
און וואַרפט צו די פיס דיר די שווערקייט, וואָס ציט דיך אין
תהומען אַראָפּ?
וואָס קאָן דען נאָך ליכטיקער זיין, ווי דאָס ליכט פון דיין אייגן
געשריי
און דו ווערסט אינגאַנצן אַ פלאַם און ס'ברענען די האָר אויף
דיין קאָפּ?

ס׳לעצטע געשריי

ווי אַ קראָ פליט אַרויס צום געשריי — פינצטערט מיין קול אין
דער ברוסט
און די הענט הויבן־אויף זיך צום רוף.

שוין ס׳לעצטע מאָל שלאָגן די רייד און האָגלען אַראָפּ צו דער ערד,
און דער ווינט רייסט די האָר און צעיאָגט.

אויף שיין פון מיין פנים פאַרציט דאָס לעצטע אַנטרונענע קול
און מיין האַלז רייסט זיך מיט אין געשריי.

פאַרוואָס האָט דיין פנים פאַרשעמט די הייליקע אָרעמקייט אונז
און אַ שאָט געטון זאַמד אין די קוואַלן?

כ׳טראָג־אויף אויף מיין לייב די קלאָג, וואָס ווייגט איז די נעכט
איבער מיר
און מיין מויל שטילט קיין דורשט מער נישט איין.

ווו נאָך זאָל איך לייגן מיין קאָפּ און טוליען — אַ קינד — זיך
צו דר׳ערד,
אַז אַלץ ווערט מיר פרעמד און פאַרוויסט.

פֿלעגט זיין אַמאָל

I

פֿלעגט זיין אַמאָל, אַז איך און דו — איבער אונז די לויטערקייט
פֿון טוי —
זאָלן עפֿענען די גאַס
און צו אונזערע פֿיס זאָל גלאַטער זיין דער שטיין.
די מונטערקייט פֿלעגט אויפֿוואַכן און אויפֿוועקן די פֿרייד
און ס׳פֿלעגט די גאַס, די שטילע גאַס, אַ ליכטיקע שוין זיין.

פֿון פֿענצטער פֿון די אָפֿענע די קילקייט טראָגט זיך אָן
און ס׳לויפֿן אום די ווינטעלעך מיט פֿוירהענגלעך צעוויגט.
מיט ריחות און מיט בלעטער—גרינס איז פֿול געווען די לופֿט,
און פֿריש געבעקס און זיסע פֿרוכט האָט אויפֿגעשמעקט צום מויל.

דאָס קליידל דיינס פֿון ווייסן לייַן, די שיכלעך פֿון געוואַנט,
און איבער אונז האָט גאָלד געבלענדט און בלאָנד געמאַכט די האָר.
די קינדער פֿון דער שטילער גאַס, ווי טויבן פֿאַר אַ פֿלויט —
אין אָטעם האָט מיר אויפֿגעבליט די פֿרישקייט פֿון דיין הויט.

ס׳האָט יעדער הויז פֿון רו דערמאָנט, די ליבע רו פֿון נעסט,
ווען די עלטערע צעפֿליען זיך אין טונקלקייט אַוועק.
פֿאַר אונז איז נאָר די גאַס געווען, די שטילע גאַס אַליין,
ווייל שטענדיק ביי דיין לינקער האַנט איז ליב געווען צו גיין.

II

ווײל איך אָפּט זיך נאָך אױסקושן די אײגענע הענט,
װאָס האָבן דײַן פּנים אין צאַרטקײט באַרירט
און רעדן מיט זיך פֿון די װײַטע שפּאַציר־גענג
אין אָװנטן שפּעטע מיט דיר.

אַמאָל האָט דער הימל — אַ לויטערער װעג
געלײגט זיך צו אונזערע טריט
און בײמלעך אויף שטײנערנע ברוקן געפֿלאַנצט
האָבן אין װײַסקײט געבליט.

די זומערן זענען געשטאַנען פֿאַר אונז,
װי בײמער אין טיפֿקײט פֿון װאַלד
און אַלץ, װאָס דײַן מויל האָט גערעדט און געשפּאַסט,
האָט װי גאָלד מיר געבלענדט פֿאַר די הענט.

איז דאַמאָלס דאָס װאַסער געװען װי מילך
און דאָס ברויט האָט מיט עפּל געשמעקט —
מיט פֿרישקײט אין אָטעם אַנטקעגן דעם װינט
און מיט ריחות פֿון בלעטער צעגרינט.

דאָס לײמיקע זאַמד האָט אין גאָלד זיך געגליט
און דער טײַך האָט געמיטן דעם ברעג.
די אויגן, װאָס האָבן געפֿירט און פֿאַרפֿירט,
פֿירן נאָך איצט מיך אַװעק.

III

דיין נאָמען אַליין איז אַ ליד, וואָס זינגט זיך מיר הויך אויפן קול
אין פּאַרקן אין גרינע פון שטאָט.
און איבער די ווייסקייט פון בליטן, אין פרילינג צעבליט אויף דער ערד,
זע איך דיין פּנים אין זאָרג.

מיט דיר איז מיר גרינגער צו רעדן
מיט ווערטער פון ריטמישן קלאַנג,
מיט דיר איז מיר לייכטער דער גורל
און גרינגער דער גאַנג אין די טריט,
מיט דיר איז מיר נאָענטער די ווייט
און קלענער — די הויכקייט פון בערג,
מיט דיר איז מיר גרינגער דער טויט
און לייכטער דאָס לעבן, וואָס כ'לעב.
די האַרבקייט, וואָס כ'פיל אין דער פרוכט,
די זיסקייט פון וואַסער אין מויל,
די פולקייט, וואָס וואַקסט אין מיין גוף
און די בלענדונג, וואָס קומט איבער אַלץ, —
אַלץ לעבט אין מיין אָטעם פאַר דיר,
אַלץ בליט און פאַרבליט נאָר פאַר דיר.

מיט דיר איז די זיסקייט פון ערד
צו מיין גומען געקומען אין דאָרשט
און שיכורערהייט, ווו איך גיי,
נאָך דיין רוף גיי איך אייביק פאַרפירט.
דאָס זילבער, וואָס רינט אויפן דאַך
יעדע נאַכט, ווען מיין חלום ווערט וואַך
און דער טרויער, וואָס רעדט אין מיין בלוט
צום ווייסן שגעון און לאַכט.
די שוואַרצלען, וואָס טונקלען אין אויג,
ווי דער אָפגרונט פון היילן מיט שרעק
און די קילקייט, וואָס פאַלט אויף מיין קאָפּ
און פאַרלעשט פון מיין פנים דאָס ליכט —
די הענט, מיינע הענט, ווערן בלייך
און פאַרצערן צו דיר אין געבעט.

דיין נאָמען אַליין איז אַ ליד, וואָס זינגט זיך מיר הויך אויפן קול
אין פאַרקן אין גרינע פון שטאָט.
און איבער די ווייסקייט פון בליטן, אין פרילינג צעבליט אויף
דער ערד,
זע איך דיין פנים אין זאָרג.

טו

ביז ווייסקייט פון זילבערנע האָר וועט בלייבן ביי דיר אויפן קאָפּ
און איך וועל פאַרעלטערט שוין זיין מיט אַלץ און מיט אַלעמען זאַט—
וועט יינגלישע פרייד אַלץ אין מיר רעדן פון ליבשאַפט צו דיר.

כ׳בין נאָך יונג, אַזוי יונג צו וויינען פאַר דיר אויפן קול
און טראָגן דאָס האַרץ ווי אַ קניד אויף די אייגענע הענט
אַ פאַרשעמטס.
דעם קאָפּ מיינעם לייגן ווו נאָר אַ געלעגער איז גרייט
און ווייזן דאָס פּנים נישט מער פאַר די אייגענע פריינט.

אַוועקגיין מיט גאַסן, וואָס פירן אַרויס פון דער שטאָט,
אויף ליידיקע פלעצער פאַר הילצערנע פאַרקנס אין ווינט
און הערן ווי ס׳רעדן די רייד אינעם האַרץ ווי אַ וויינענדיק קינד.

כ׳בין נאָך יונג, אַזוי יונג צו וויינען פאַר דיר אויפן קול
און טראָגן דאָס האַרץ ווי אַ קינד אויף די׳ אייגענע הענט
אַ פאַרשעמטס.

ט

װען איך װאָלט געקאָנט כאָטש אַמאָל אין צוריקגאַנג צו אַלע
פאַרגאַנגענע טריט
קומען צוריק צו דיין הויז
און איבער דיין פנים מיין האַנט זאָל אויפגיין אין בלענדונג
פון ליכט —
אין בלענדונג פון שיין זאָל איך זען דיך און מיין חלום פון
קינדישער פרייד,

דער אָװנט, דער קילער, װאָס ציט פאַר מיין אָטעם פאַרביי
און די הייזלעך די קליינע מיט קרומע געבויגענע דעכלעך צו
דר׳ערד,
די װייסקייט פון שימער אויף זילבערנעם װאַסערביים ברעג
און די ביימער די אַלטע, װאָס גיבן די בלעטער צום װינט שוין
אַװעק,
אַלץ רױשט אינעם טונקעלן האַרבסט דורך מיין בלוט
װי אַ טרויעריקע ליד.

װייל די שװערקייט, װאָס ציט שוין דורך מיר װי אַ שטיין
ציט אַראָפּ צו דער ערד
און די אויגן, װאָס װילן נאָך זען, ציען צוריק צו דער װייסקייט
פון לענדער געפירט —
קאַלעכט דאָס בלוט אין מיין לייב, װי אַ טייך ביי די ברעגן
פאַרפ רט,

היימיש און נאָענט

איז מיר היימיש און נאָענט יעדער הויז, יעדער בוים, יעדע
אָפענע טיר אין דער גאַס,
אַז ס׳גלוסט זיך מיר דורכגיין פאַר זיי
און אַריינגיין צו פרעמדע אין שטוב און זאָגן:
כ׳בין דאָ שוין געווען ווען אַמאָל
און דאָ, אויף דער טיר פון אייער הויז, מיין נאָמען געצייכנט
מיט קרייד.

שנירלעך פון פעדעם אין גאָלד
געפירט און געפלאָכטן אַסך,
און שטיינדלעך מיט קינדישע הענט
געוואָרפן אַריבער דעם דאַך.

די טויבן, וואָס כ׳האָב זיי פאַריאָגט,
זיי פליען מסתם נאָך פאַרביי
און קרייזן דעם דאַך פונם הויז
ווו אַ היים איז געווען פאַר זיי.

די טויבן, דער דאַך און דאָס הויז,
די מיל, וואָס דערמאָנט מיך דעם טייך,
די ווינטן, וואָס ציען פאַרביי—
זיי טראָגן די גרוסן צו אייך.

איז מיר היימיש און נאָענט יעדער הויז, יעדער בוים, יעדע
אָפענע טיר אין דער גאַס,
אַז ס׳גלוסט זיך מיר דורכגיין פאַר זיי
און אַריינגיין צו פרעמדע אין שטוב און זאָגן:
כ׳בין דאָ שוין געווען ווען אַמאָל.

אונזער הויז און אונזער מאַרק

פון אונטער די הילצערנע טרעפּ פון אונזער פאַראָבלטן הויז
ציט טרויריק און ליידיק דער מאַרק זיך אָפּער —
שטייען דאָרט יידן מיט ציץ און מיט פאַרביקע בענדער באַהאָנגען
פאַר רויט און געלן געוואַנט,
און ציען אויס דאַרע פאַרחושכטע הענט, ווי צלמים
פון אַ קליינעם פאַרלאָזטן בית-עולם
אויף אַ ווייט-משופּעדיק פעלד.

דאָס הויז פון מיין היים איז פון לאַנג שוין פאַראָבלט און וויסט,
נאָר די טיר, וואָס געבליבן איז אָפן נאָך מיר פון אַרויס,
רופט מיך צוריק, צו דער טונקלקייט צוריק, צו דער היים.
קום איך צוריק אין די נעכט פון מיין חלום צו גיין
און זע: די טיר שטייט אָפן ביז איצט, ווי געווען,
נאָר די שויבן אין ראַם זענען אַלע געפּלאַצט,
און די פינצטערניש הענגט אויף די ווענט,
ווי געקוילעטע קעלבער אויף העק.
וויל איך רופן: מאַמע! — ווי אַ קינד רופט אין שרעק פון
דער נאַכט:
— מאַמע!

גייט מיין מוטער אַרויס

איז זי ווייס, אין גאַנצן שוין ווייס

און דאָס פּנים אירס — יונג און פאַרהאָנגען מיט טיול,

לייגט זי איר האַנט אויף מיין קאָפּ אַזוי רויק

און פרעגט:

קענסט נישט שלאָפן אין די נעכט?

זאָג איך: מאַמע! ס'איז מיין קאָפּ אויף אַ שטריק אָנגעהאָנגען

און הענגט

און כ'קען נישט צענעמען די הענט!

שרייט זי: — שווייג!

און פאַרשווינדט פאַרן בליק פון מיין בעט.

אינהאַלט

זייט

איבער שטאָק און שטיין

הארט און רוי 7
מיינע שוועסטערן 8
ווען אויף מיין מצמעס פנים 9
אונטער גילדענע לבנית 10
אין אונזער לאנד 11
ביי די ברעגן פון דער נאכט 12

צו דיר און צו די שוועסטערן דיינע

I, II, III, IV, V, VI, VII 15
איך צעטויש מיינע שעהן אויף טריט אין די גאסן. . . . 24
איך גיי 25
הירשן פון יעגער געיאגט 26
אונטערגעשניטענע ביימער אין וואלד 27
מיין הארץ — א פעלד צעאקערט פון געדאנק 28
אויף ערד פארנומענער מיט מאך 29
איך — אן אויסגעגראבן שטיק פון ערד 30
אין דעם אורוואלד פון די שטאמען 31
כ׳גראב טיפער מיין אקער 33
צעווארפענע שטיינער — מיינע געדאנקען 34
ווער האט פון היים מיך אויסגעריסן 35
א טרעגער בין איך 37
שטאט 38

	זייט
אויטאָפּאָרטרעט	39
כ'בין דער שליידער-שטויס אין דער שטאָט	40
מיט פאַרקלעמטע פינגער פון מיין האַנט	42
חבר	43
מיינע הענט	44
מיר	45
עס שטיינערט זיך מיין לייב	46
אונזער ירושה	47
כ'בין אַלץ נאָך ס'רויע ליים	48

ג ו י ם

I. זונטיק	51
II. די פּראָצעסיע	53
III. אין שענק	55
IV. פאַרטאָג	57
V. דער גרינער יום-טוב	59
VI. דאָס געבעט פון די קינדער	61
VII. אויפן חזיר-מאַרק	63
VIII. דינסטמיידן	65
IX. נע-ונד	67
X. ווייסער ווינטער-אָוונט	69

ה ע ל ע נ ע כ ט

ערב פרילינג	73
ביים טאָג-פאַרגאַנג	75
אין פריען האַרבסט	76
העלע נעכט	77
דערוואָרגענע טויבן	78
כ'בין דאָ, כ'בין אומעטום דאָ	79
לאַנד פון פאַרהוילענער וואָר	81

זייט

פאַר מיר 82
אַזוי וואונדערלעך־העל, אַזוי פריידיק און זיס 83
איך וואַרט אויף זון־אויפגאַנג 84
יונג מיט פעסט־געבויטע גלידער 85
ערגעץ ווייט 86
טריט מיינע 87
ס׳וואַקסן מיינע אויערן — שאַרף 88
קען׳מיר זאָגן ניין ? 89
ביים ים 90
ווער שטייגט מיט מיר אין שיף אַריין ? 91
איך שטיי איצט שוין אַ באַזינטער לייב 93
דאָס ליד פון דיכטער 95
הייזער, אַ, הייזער פון שטאָט 96
אַ תפילה 99
כ׳בין פון וואַסערן די שיין 100
גלי איך אייזן מיינע הענט 101
ביי פרעמדער שוועל 102
צוריק צו מיין קינדערשער רו 104
דאָ אונטערן דאַך 105
האָב איך זיך אַ געלעגער ווי געגרייט 106

הונגער

I, II, III, IV, V, VI, VII, VIII, IX, X, XI, XII, XIII, XIV,
XV, XVI, XVII, XVIII, XIX, XX 109

מיין שוועסטערס טויט

אַ, ב, ג, ד, ... 127
הייב אויף דיינע הענט 131
די רייד פון דער באָבע 132
אַ בוים אַן אייבציקער אין פעלד 134

	זייט
ווי אין אַלע תּהומען	135
אומזין פון וואָרט	136
ס'לעצטע געשריי	137
פּלעגט זיין אַמאָל (I, II, III, IV, V)	138
היימיש און נאָענט	144
אונזער הויז און אונזער מאַרק	145